RISHON LA-HINUKH

Hillel Maelakovski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•


The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

ראשון לחנוך

א״ב, קריאה נכונה, יסודות הלשון [illegible] קדש
קל ומושך את לב [illegible]

מאת

[illegible]



1917
HEBREW PUBLISHING COMPANY
50-52 Eldridge St., New York.

אינהאַלט־פערצייכעניש.

העברעאיש=אידישע ווערטער.

פאָררעדע.

דאָס לעהרבוך „די נייע אידישע שול“ איז בעשטימט פאַר אָנפאַנגער און זיין אויפגאַבע איז — ה ע ל פ ע ן אויסלערנען די קינדער לעזען און שרייבען אידיש און אויך ענטוויקלען די קינדער. דער מאַטעריאַל פון בוך איז צוגעפּאַסט צום עלטער אַן ערך פון 7—8 יאָהר; אָבער אויך אַ ביסעל עלטערע קינדער, וועלכע הויבען ערשט אָן צו לערנען אידיש, וועלען זיך מיט איהם קאָנען בענוצען. מעהר נישט, זיי וועלען די ערשטע לעקציעס קאָנען דורכגעהן פיעל שנעלער און וועלען זיך קאָנען אָפּשטעלען גרינדליכער אויף די איבעריגע טיילען.

אויסלערנען זיך לייענען איז פאַר קינדער־אָנפאַנגער גאָר ניט קיין לייכטע זאַך. צונויפבינדען דעם מאַטעריעלען צייכען אָדער סימבאָל — ד ע ם א ו ת מיט דעם אוממאַטעריעלען ק ל אַ נ ג איז פאַר דאָס קינד גאַנץ שווער, און די פערבינדונג פון איינצעלנע קלאַנגען ניט לייכטער. דאָס בענעהמען פון גאַנצע ווערטער מיט אַמאָל — אָפט נאָך שווערער. קיינע פון די ביז איצט ערפונענע מעטאָדען צום לערנען לעזען בעזייטיגען ניט אינגאַנצען די אַלע שוועריגקייטען. דער „קלאַנגען־מעטאָד“ איז אָבער, ווי מיר דענקען, אַמבעסטען צוגעפּאַסט צו דער אידישער שפּראַך, און מיר האָבען זיך דעריבער אין דעם בוך בענוצט מיט דעם דאָזיגען מעטאָד.

עס וואָלט פערנומען צופיעל אָרט, ווען מען וואָלט דאָ געגעבען גענויע אָנווייזונגען, ווי דער לעהרער זאָל זיך בענוצען מיט׳ן בוך לעקציע נאָך לעקציע. מיר וועלען דאָ דעריבער געבען נאָר איינינגע א ל ג ע מ י י נ ע אָנווייזונגען וועגען דעם מאַטעריאַל פונ׳ם בוך און ווי זיך מיט איהם צו בענוצען.

צוערשט דאַרף דער לעהרער זעהן, אַז די קינדער זאָלען איהם גוט פערשטעהן. ווען די קינדער רעדען גוט אידיש, איז זיין אויפגאַבע — צו רעדען צו זיי אויף אַ לייכטער פערשטענדליכער שפּראַך. און זיינען די קינדער שוואַך אין רעדען, דאַרף דער לעהרער אַ געוויסע צייט אָפּגעבען ספּעציעל אויף רעדען מיט די קינדער, בענוצענדיג דערביי ענטשפּרעכענדע וואַנט־בילדער.

ווען די קינדער פערשטעהען, וואָס מען רעדט צו זיי, דאַרף דער לעהרער דורך פּשוט׳ע ביישפּילען און לייכטע איבונגען (אָבער אָהן קיינע דעפינירונגען!) בריינגען דערצו, אַז די קינדער זאָלען קאָנען אונטערשיידען איינצעלנע ווערטער צווישען אַ גאַנצער רייהע ווערטער און איינצעלנע טראַפּען (זילבען) פון אַ וואָרט. בעסער איז, ווען מען פּאַסט צו אַ ספּעציעלע שפּיעל, ביי וועלכער די קינדער דאַרפען זיך בענוצען מיט איינצעלנע ווערטער און טראַפּען. און קאָנען די קינדער אונטערשיידען ווערטער און טראַפּען, קאָן מען צוטרעטען צום בוך.

עס איז ווינשענסווערט צו ענטוויקלען די אקטיוויטעט פון די קינדער און זעהן, זיי זאָלען ניט נאָר דאָס אויג און דאָס אויער בענוצען ביים לערנען זיך לעזען, נאָר אויך די הענט. ביי די ערשטע עטליכע לעקציעס איז ווינשענסווערט דער לעהרער זאָל האָבען אין קלאַס עטליכע בעוועגליכע אלף־בית׳ן, געבען יעדען קינד אַ געוויסע צאָהל אותיות און לאָזען די קינדער צוזאַמענשטעלען אַליין געוויסע ווערטער פון די אותיות, וועלכע זיי ווייסען שוין. ווען דער לעהרער האָט מעהר ניט ווי איין אלף־בית, קאָן ער רופען די קינדער צום ברעט און דאָרטען זיי הייסען צוזאַמענשטעלען ווערטער.

די מיטקלינגער (קאָנסאָנאַנטען), וואָס זיינען געגעבען אין די ערשטע עטליכע לעקציעס, בעצייכענען דויער־קלאַנגען, וועלכע עס איז לייכטער פאַר די קינדער צוזאַמענצוגיסען מיט אַ זעלבסטקלינגער. דעם פּראָצעס פון צוזאַמענגיסען די מיטקלינגער מיט די זעלבסטקלינגער דאַרפען די קינדער גוט בעגרייפען און אויסלערנען אין משך פון די ערשטע לעקציעס, אַזוי אַז ווען זיי וועלען קומען צו די מיטקלינגער, וואָס בעצייכענען מאָמענטאַנע קלאַנגען, זאָלען זיי שוין קאָנען צוזאַמענגיסען די מיטקלינגער מיט די זעלבסטקלינגער ניט אויסערדענדיג פריהער יעדען טייל בעזונדער.

דאָס קינד דאַרף שוין פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, ווען ער טרעט צו צו לערנען לעזען און שרייבען, בעקומען דעם בעגריף, אַז דאָס לעזען און שרייבען זיינען נ ו צ ל י ך, און ניט גלאַט עפּעס אַן אונפערשטענדליכער חוב פאַר איהם. שוין אויף דער ערשטער לעקציע דאַרף עס זיך אויסלערנען דורכלעזען ג אַ נ צ ע ו ו ע ר ט ע ר, וועלכע גיבען איבער איהם בעקאַנטע בעגריפען. און אויך ווייטער טאָר דאָס לעזען קיינמאָל ניט פערוואַנדעלט ווערען אין עטוואָס מעכאַנישעס, אין „בראָקען" אונפערשטענדליכע קלאַנגען. אין דעם גאַנצען ביכעל איז דעריבער ניט אָנגעגעבען געוואָרען קיין איין וואָרט — אַפילו קיין איינטראָפּיג וואָרט — וואָס זאָל ניט האָבען קיין זינען. און דער לעהרער דאַרף זעהן אַז די קינדער זאָלען וויסען די בעדייטונג פון יעדען וואָרט, וואָס זיי קומט אויס איבערצולעזען. זעהר ווינשענסווערט, דער לעהרער זאָל האָבען אין קלאַס די אַלע געגענשטאַנדען (אָדער זייערע בילדער), וועגען וועלכע עס ווערט געלעזען אין בוך און וועגען וועלכע עס איז ביי איהם נאָר אַ חשד פאַרהאַן, אַז די קינדער האָבען פון זיי קיין בעגריף ניט. אַזוינע טראָפּען, ווי לאַ־לאַ־לאַ, רי־ראַ־ראַ, טי־טי־טי, וועלכע בעגעגענען זיך אין בוך, זיינען אויך ניט קיין אונזיניגע קלאַנגען; דאָס זיינען קלאַנגען, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען ביים זינגען אַ ניגון אָהן ווערטער. די קינדער ווייסען די דאָזיגע קלאַנגען, און דער לעהרער דאַרף דורך אָנפיהרענדע פראַגען בריינגען דערצו, אַז די קינדער זאָלען זיך זיי דערמאָנען.

און בכלל איז ניט נאָר דאָס אויסלערנען לעזען און שרייבען וויכטיג. ניט ווייניגער וויכטיג איז די אַלגעמיינע ענטוויקלונג פון׳ם קינד. מען דאַרף דעריבער צוגעוועהנען דאָס קינד בעוואוסטזיניג בענעהמען אַלץ, וואָס עס לייענט, און

שפּעטער קאָנען אויף פראַגען, אָדער אָהן זיי, איבערגעבען דעם אינהאַלט פון דעם, וואָס עס לעזט דורך.

אַלע אותיות פון דעם אידישען אַלף־בית ווערען דורכגעגאַנגען אין 11 לעקציעס. אין אַ פּאָר פון די ערשטע לעקציעס ווערען געגעבען אין טעקסט איי‑ניגע ווערטער, וואָס די קינדער קאָנען זיי ניט איבערלעזען, ווייל דאָרטען זיינען פאַרהאַן אותיות, פאַר די קינדער נאָך ניט בעקאַנטע. די דאָזיגע ווערטער זיי‑נען געבראַכט, כדי צו קאָנען צוזאַמענשטעלען אינטערעסאַנטערע זאַצען. אַזוינע ווערטער זיינען געדרוקט מיט קלענערען שריפט און דער לעהרער דאַרף זיי אַליין דורכלעזען פאַר די קינדער און ניט אַרויסרופען ביי די קינדער קיין אומ‑זיסטע אָנשטרענגונג, פאַרלעגענדיג זיי דורכצולעזען אַפילו נאָר דעם טייל פון וואָרט, וואָס איז זיי בעקאַנט.

אין די לעקציעס 12—18 ווערען געבראַכט די ווערטער מיט דעם קורצען **ע מיט די שטומע ע, ה, א, י אין דעם עֶ, עֶה. די לעצטע צייט איז** ענטשטאַנען אַ בעוועגונג צו פערא‏יינפאַכען די אידישע אויסלעגונג און אַרויס‑וואַרפען די אַלע כמעט אוננויטיגע שטומע אותיות. דער מחבר איז ניט קיין געגנער פון אַזאַ פעראיינפאַכען. ער רעכענט נאָר, אַז די גרינדליכע פעראיינ‑פאַכונג דאַרף זיך אָנהויבען ניט פון שול און ניט פון דער שול־ליטעראַטור, ווייל די שול האָט די אויפגאַבע אויסצולערנען דאָס קינד דורכצולעזען דאָס, וואָס עס טרעפט געדרוקט אָדער געשריבען, און איצט איז אין דער געזעלשאַפט די פעראיינפאַכונג נאָך ניט דורכגעפיהרט געוואָרען, און כמעט אַלע ביכער און צייטונגען ווערען געדרוקט לויט דער אַלטער אָרטאָגראַפיע. אינ׳ם ביכעל זיינען דעריבער געמאַכט געוואָרען נאָר די פעראיינפאַכונגען אין אָרטאָגראַפיע, וועלכע זיינען שוין אָנגענומען כמעט אין אַלע ביכער און צייטונגען, וואָס ווערען איצט געדרוקט.

פון דער 19טער לעקציע הויבט זיך אָן דער העברעאישער עלעמענט אין אידיש. מיט׳ן פּראָצעס פון לעזען האָבען זיך די קינדער שוין ביז דאַמאָלסט **בעקאַנט; עס זיינען זיי אויך בעקאַנט די נקודות ־, ּ און ״. וועלכע זיי** האָבען פריהער בעגעגענט אונטער׳ן אַ און יי. איצט דאַרף מען זיי בעקאָנען מיט די איבעריגע נקודות, וועלכע פערבייטען די ענטשפּרעכענדע אידישע זעלבסטקלינגער, און מיט׳ן פּרינציפּ פון שטעלען די נייע זעלבסטקלינגער ניט נאָך די מיטקלינגער, נאָר אונטער זיי. עס איז ניט אַזאַ שווערע זאַך פאַר די קינדער צו בענעהמען דעם דאָזיגען פּרינציפּ, ווי אַנדערע קאָנען מיינען; דאָך וועט אויסקומען אויף די דריי לעקציעס, אין וועלכע עס ווערען געגעבען די אַלע נקודות, אָפּשטעלען זיך לענגער, ביז די קינדער וועלען גרינדליך בעגרייפען דעם ענין און אויסלערנען זיך לעזען מעהר אָדער ווייניגער לויפיג מיט נקודות.

שוין ביז איצט האָט מען געפּרואווט פּינטלען אין אידיש די העברעאישע ווערטער אַ ביסעל אַנדערש, איידער אין העברעאיש גופא: אַזוי פלעגט מען

אומעטום פינטלען נֶס, בֶּן, אנשטאט נֵס, בֵּן, נאר די דאזיגע פערײנפאכונג פלעגט געמאכט ווערען אין פערהעלטנישמעסיג א קלײנער צאָהל ווערטער. און דאָס לעזען דעם העברעאישען עלעמענט אין אידיש פלעגט זײן הויפטזעכליך שווער דערפאר, וואָס אין אידישען ווערען די ווערטער אויסגעשפראכען ניט לויט'ן ניקוד. מען פלעגט פינטלען צ. ב. נְשָׁמָה, לְמָשָׁל, תַּעֲנִית, און לעזען פלעגט מען דארפען נשָמֶה, לֶמָשל, תָּעֲנִית. אנדערע פלעגען לאָזען די קינדער לעזען לויט'ן ניקוד און די ווערטער פלעגען אויסקומען פון אידישען שטאנדפונקט פערקריפעלט. אינ'ם ביכעל זײנען דעריבער די העברעאישע ווערטער געפינטעלט וואָס נעהענטער צו זײער אידישער אויסשפרעכונג. דערבײ זײנען דער שוא און דער חטף אינגאנצען בעזײטיגט, אַלס ניט נויטיגע. נאָר אין די ווערטער, וועלכע האָבען דעם לעצטען טראָף אַ מלא: מיט א וּ, וֹ אדער י, זײנען איבערגעלאזען דער שורוק, דער חולם און חיריק (טָעוּת, סוּכּוֹת, טַלִית. הגם זײ לעזען זיך טָעֶת, סוּכֶּת, טַלֶת). די קלאנגען אי, או און אוי זײנען כמעט אומעטום בעצײכענט מיט'ן י און ו, ווי אין תַּלְמִיד, פּוּרִים, חוֹדֶש. די דאזיגע פעראײנפאכונג וועט געווים פיעל לײכטער מאכען פאר די קינדער צו לעזען ריכטיג די העברעאישע ווערטער אין אידיש, זי וועט אויך ניט אַרײנטראָגען קײן שוועריגקײט בײם לעזען וועלכע עס איז געדרוקטע זאַך, ווײל אין די אידישע ביכער און צײטונגען ווערען די העברעאישע ווערטער מײסטענס גאָר ניט געפינטעלט.

אין די לעקציעס 22—23 ווערען געגעבען די אותיות, וואָס ווערען גע־ברויכט נאר אין העברעאישע ווערטער: בּ, ב, ו, כּ, ח, שׂ, תּ און ת. פון זײ דארף מען זיך בעזונדערס אפשטעלען אויפ'ן בּ און ב, ווײל פריהער האט דער ב אומעטום בעצײכענט דעם קלאנג פון דעם געפינטעלטען העברעאישען בּ. דאס קינד דארף דערפאַר בעגרײפען און געדענקען, אז אין א העברעאישען וואָרט (פאָר'ן קינד וועט זײן פערשטענדיגער, ווען מען וועט עס אָנרופען געפינטעלטען וואָרט) דארף מען דעם ב לעזען ווי וו, און נאר דעם בּ — ווי פריהער אין די ניט געפינטעלטע ווערטער דעם ב.

אין דער לעקציע 28 ווערט געגעבען דער אפּאָסטראָף בײ העברעאישע שרשים. ס'פערשטעהט זיך, אז די קינדער קאָנען נאָך ניט בענעהמען, וואָס איז אַזוינס שרש און וואָס צוגעשטעלטע טײלען, און מען דאַרף זיך אויף דעם געניטוי אויך ניט אָפּשטעלען. דער אַפּאָסטראָף איז דאָ נאָר געגעבען געוואָרען, כדי דאָס קינדערשע אויג זאָל זיך ניט צוגעוועהנען צו קײן ניט ריכטיגער אויסלעגונג. ווערטער מיט העברעאישע און אידישע טײלען מוזען זיך בעגעגענען אין טעקסט. אויסמײדענדיג זײ, וואָלט מען ניט געקאָנט בענוצען קײן פּאַסי־

גען מאַטעריאַל. און בעגעגענען זיך אַזוינע ווערטער, מוז מען זיי אויסלעגען ריכטיג. פאַר'ן קינד אָבער וועט דער נייער צייכען, דער אַפּאָסטראָף, זיין פרעמד, און מען דאַרף איהם ערקלערען, אז דער געפינטעלטער טייל פון וואָרט ווערט אָפּגעטיילט פון דעם אומגעפינטעלטען מיט אַזאַ צייכען. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערען אויך וועגען די אַפּאָסטראָפס ביי פערקירצונגען.

פון דער זייטע 90 בעשטעהט דער מאַטעריאַל אויסשליסליך פון גרעסערע מעשות און ליעדער. אָבער אויך פריהער, אין די איינצעלנע לעקציעס, ווערען געגעבען זעהר פיעל פערשיעדענע מעשה'לעך, מייסטענס פון אידישע מקורים. עס איז ווינשענסווערט, אַז די קינדער זאָלען אַליין דורכלעזען דעם גאַנצען מאַ-טעריאַל פון בוך. עס איז אָבער ניט קיין מוז. שוין אין אָנהויב לערן-יאָהר, ווען די קינדער קאָנען נאָך ניט לעזען, קאָן דער לעהרער דערצעהלען אויסווענדיג פאַר די קינדער אָדער פאָרלעזען פאַר זיי פיעל פון די דאָזיגע מעשה'לעך און פיהרען מיט זיי שמועסען וועגען דעם דערצעהלטען. שפּעטער, ווען די קינדער וועלען זיין אימשטאַנד אַליין דורכלעזען די זעלבע מעשה'לעך, וועט דאָס פאַר זיי זיין נאָר בעזונדערס אינטערעסאַנט.

דאָס זעלבע דאַרף מען זאָגען אויך וועגען דער אָפּטיילונג „פון חומש”, דער לעהרער קאָן שוין פון אָנהויב יאָהר אָן אָנפאַנגען צו דערצעהלען די קינ-דער די דאָזיגע מעשה'לעך. נאָר שפּעטער, ווען די קינדער לערנען זיך אויס לעזען, איז ווינשענסווערט, זיי זאָלען די מעשה'לעך לעזען פון בוך און אויך קאָנען זיי דערצעהלען מעהר אָדער ווייניגער גענוי.

אין ביכעל זיינען פאַרהאַן זעהר פיעל ליעדער; צווערשט כמעט אויסשליס-ליך פאָלקס-ליעדער, שפּעטער אויך אַנדערע. די קינדער דאַרפען די ליעדער אויסלערנען אויף אויסווענדיג. ווינשענסווערט — אין קלאַס גופא: די פאָלקס-ליעדער — זינגענדיג, די איבעריגע — דעקלאַמירענדיג.

שוין פונ'ם ערשטען טאָג, וואָס מען טרעט צו צום ביכעל, דאַרף פיעל אַכט געלעגט ווערען אויפ'ן ש ר י י ב ע ן. די קינדער דאַרפען לערנען שרייבען גלייכצייטיג מיט'ן לעזען. דער געשריבענער מאַטעריאַל פון בוך דאַרף דיענען פאַר די קינדער אַלס מוסטער נאָכצומאַכען. מען דאַרף שענקען אַ געוויסע אויפמערקזאַמקייט סיי דער ריינקייט און סיי דער שענקייט פון דעם כתב. פיעל מעהר אָבער דאַרף מען אַכטונג געבען, אַז די קינדער זאָלען זיך אויס-לערנען צוזאַמענשטעלען ווערטער און דערנאָך — ריכטיג אויסלעגען.

און ניט נאָר אויסלעגען ווערטער דאַרף מען די קינדער לערנען, נאָר אויך אויסלעגען זייערע געדאַנקען. אַזוי ווי די קינדער לערנען איבערצודער-צעהלען די מעשה'לעך, וואָס זיי לעזען, אויסווענדיג, אַזוי דאַרפען זיי דאָס אויך קאָנען טון שריפטליך. פערשטעהט זיך, נאָר דאָס צווייטע האַלב יאָהר, ווען זיי זיינען שוין בעקאַנט מיט אַלע אותיות. צווערשט דאַרפען די איבערדערצעה-לונגען נאָר זיין אין דעם פאָרם פון ענטפערס אויף פראַגען, וואָס דער לעהרער שטעלט זיי שריפטליך, און שפּעטער אויך אָהן פראַגען. אויף איבערדערצעה-

לען שריפטליך קאָנען בענוצט ווערען די קלענערע מעשה'לעך, וואָס מען האָט שוין פריהער מיט אַ צייט געהאַט געלעזען.

צום סוף פון בוך זיינען געגעבען גראַמאַטישע איבונגען. גאַנץ פּשוט'ע איבונגען זיינען פאַרהאַן אין טעקסט שוין פון די ערשטע לעקציעס אָן. נאָר ווען די קינדער בעקאָנען זיך מיט אַלע אותיות, און בעזונדערס דאָס צווייטע האַלב יאָהר, קאָן מען צוטרעטען צו די איבונגען פון דער אָפּטיילונג „גראַמאַטיק”. פיעלע פון זיי קאָנען געמאַכט ווערען אויסווענינג, עס איז אָבער ווינשענסווערט, אַז זיי זאָלען געמאַכט ווערען אויך שריפטליך. דערביי טאָר מען ניט פאָדערן ביי די קינדער, זיי זאָלען אויסלערנען וועלכע עס איז דעפינירונג. מען דאַרף נאָר לאָזען די קינדער מאַכען פּראַקטישע איבונגען, אָהן לערנען אויף אויסווענינג כּללים, אָהן יעדען חזר'ן.

צי וועלען די קינדער אָבער קאָנען דורכגעהן פאַר אַ יאָהר דעם גאַנצען מאַטעריאַל פון בוך? דאָס ווענדט זיך, פערשטעהט זיך, פריהער פאַר אַליץ פון דער צייט, וואָס די קינדער וועלען האָבען צום לערנען. אויב מען וועט מיט זיי לערנען אידיש נאָר צוויי שעה אין וואָך, ווי עס האָט זיך פּראַקטיקירט ביז איצט, למשל, אין אַלע ניו־יאָרקער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען, וועלען די קינדער געוויס ניט קאָנען דורכגעהן דעם גאַנצען מאַטעריאַל. צוויי שעה אין וואָך איז אָבער אַבסאָלוט ווענינ, אום די קינדער זאָלען זיך קאָנען אויסלערנען אידיש. דאָס ערשטע יאָהר דאַרפען די קינדער האָבען וועניגסטענס 6 שעה אין וואָך אויף אידיש (אַריינגערעכענט די צייט אויף מעשה'לעך פון חומש און אויף זינגען), און ביי אַזאַ צאָהל שטונדען אויף אידיש, איז מעגליך דורכצוגעהן דעם גאַנצען מאַטעריאַל פון בוך פאַר דאָס יאָהר, הגם עס קאָן זיין, אַז אַ געוויסען טייל זאָלען די קינדער ניט האָבען אַליין געלעזען, נאָר געהערט פונ'ם לעהרער דערצעהלט אָדער פאָרגעלעזען.

זאָלען אַנדערע אורטיילען וועגען דעם, אויף וויפיעל „די נייע אידישע שול” ענטשפּרעכט איהר אויפגאַבע. דער פערפאַסער איז פאָרויס דאַנקבאַר פאַר יעדע זאַכליכע קריטיק און וועט זעהן אין די ווייטערדיגע אויפלאַגען די פעהלערן אויסצובעסערן. דער פערפאַסער בענוצט זיך מיט דער פאָררעדע אויך אויף אויסצודריקען זיין בעסטען דאַנק דעם ה' האַרקאַווי פאַר זיינע קאָמפּעטענטע בעמערקונגען און אויך איינינע לעהרער פון דער בראָנקסער נאַצ.־ראַדיקאַלער שולע פאַר זייערע ווערטע אָנווייזונגען.


י. לעווין.

ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1916.


1




אַ אַ



אָ אָ





ש ש ל ל

אַ! אָ!

לאַ-לאַ-לאַ, לאָ-לאָ-לאָ,

אַש, שאַ, שאַ— שאַל,

אַ שאַל. שאָל, אַ שאָל.


אַ! אָ! אַש, שאַ! שאַל, אַ שאַל,

שאָל, אַ שאָל.

2

פ **פ** N **מ**

ר **ר** 

מאַ־מאַ, ראַ־ראַ־ראַ.

—אָל, מאָל, אַ מאָל, פאַר

א מאָל. פאַל, אַ פ


מאָל אַ .  פּאַר אַ שאָל.

אַ שאַל פּאַר אַ .

אָל, מאָל, אַ מאָל, פּאַר אַ מאָל.

פּאַל, אַ פּאַל, שאַל, אַ שאַל.


3



ע ע


עמער






שוך בוך

ך,





פיש שיף

ף,

ע! מע, מו, פע! פי! ער.
ריי־ראַ־ראַ.

מאַ־מע, מאַמע, אַ מאַמע,

מאַמעלע!

מו־מע, מומע, אַ מומע,

מומעלע!

—ער, שער, אַ שער,

אַ שערעלע.

שול— שולע. פול— פולע.

אַ שולע, אַ פולע, אַ פולע

שולע מיט 

פי— פיש, אַ פיש, אַ פישעלע.

אַ  פול מיט פיש.

אַ לעמעלע, אַ לעפעלע.

אַ לערער, אַ שילער. לערער,

שילער.

לעש, פערלעש,
מומע, פערלעש אַ .

מאַמע, אַ מאַמע, מאַמעלע!

אַ מומע, מומעלע!

ער, שער, אַ שערעלע. אַ שולע,

אַ פולע שולע.


אַ פיש, אַ פישעלע, אַ לערער.

אַ שילער. לעש. פערלעש.

4



נ



ס



ט

נאַ, נאָ! נו, עס, אָט.

טי־טאַ־טאַ.

נאַ— נאַר, אַ נאַר, אַ נאַרעלע.

נו— נוס, אַ נוס, אַ ניסעלע,

ניס.

פּו— פּוס, אַ פּוס, אַ פּיסעלע,

פּיס.

ניט, ניטאָ. טיש, טישעלע.


נאָ— נאָר. טינט, טינטער,

אַ טינטער. אַ שיסעלע.

סעמי עסט מיט אַ לעפעלע

פון אַ שיסעלע.

ער שערט אַ לעמעלע מיט אַ

שער. ער שיסט מיט אַ  .

שיס ניט! מע טאָר ניט.

אַ נוס, אַ פולע ניס.

אַ פוס, אַ פולע פיס.


אַ טישעלע, אַ שיסעלע, אַ נאַרעלע.

סעמי עסט מיט אַ לעפעלע. ער

שערט אַ לעמעלע מיט אַ שער. ער


שיסט. שיס ניט. מע טאָר ניט.

5




לײַכטער

ײַ ײַ



לײב

ײ ײ



ןי יי


פֿײַטעלע. אַ פֿײַנע פֿײַפֿעלע.

אַ רײַפֿעלע. ער פֿײַפֿט.

פֿײַטעלע שטיפֿט. ער לױפֿט
אַרום, ער שרײַט. ער נעמט
אַ פֿײַפֿעלע אין מױל, ער פֿײַפֿט.
ער נעמט אַ רײַפֿעלע, ער
לױפֿט. פֿײַטעלע שטיפֿט און
שרײַט אַלע מאָל. סײַ ער עסט
ניט, סײַ ער עסט, שרײַט ער.

אָפט שלאָפט ער און שרײַט.
שאַ פײַטעלע, שרײַ ניט!
אַ מויל, מײַלער.


פײַטעלע שטיפט. ער שרײַט. ער
נעמט אַ פײַפעלע, ער פײַפט. ער
נעמט אַ רײַפעלע, ער לויפט. פײַטעלע
שטיפט און שרײַט אַלע מאָל. סײַ
ער עסט ניט, סײַ ער עסט, שרײַט
ער. שאַ, פײַטעלע, שרײַ ניט!
אַ מויל, מײַלער.



ד ד



ז ז



ה ה

הויז

דאָ, דו, די, האַ?

זי, זײ, זײַ, זײַט, אַז, אַזאַ.

דער. דער פּאָטער, דער טיש.

די. די מוטער, די שער.

דאָס. דאָס מויל, דאָס פײַער.

דו— דונער, אַ דונער, דער דונער.

זומער דונערט. דו הערסט? עס דונערט.

האַ— האַנט, אַ האַנט, די האַנט.

ער האָט אַ האַנט. דו האָסט אַ האַנט.

אַ הוילע האַנט. האַלט די האַנט אַזוי.

זייַ— זייַדע, אַ זייַדע, דער זייַדע.

אַ הויז, דאָס הויז.

זייַער זייַדע האָט אַ הויז. דאָס הויז

האָט פענסטער.

דו האָסט האָלט פלייש? נאַ, אָט האָסטו

פלייש. עס!

זייַ נים פויל!

דו הערסט, ער הערט.

דו האָסט, ער האָט.

דו הערסט, ער הערט.

דו האָסט, ער האָט.

זומער דונערט. ער האָט אַ הוילע

האַנט. דו האָסט האָלט פלייש?


נאַ, דאָ האָסטו פלייש, עס!

זייער זיידע האָט אַ הויז. דאָס

הויז האָט פענסטער.

זײַ ניט פויל.


7



פלוים

מ — ם


מ — ם



פאָן

נ — ן

נ — ן



שיף

פ — ף

פ — ף

דעם, סעם, אַרום.

פון, מײַן, דײַן, זײַן, לערנען.

לויף! שלאָף! העלף! רוף!

סעם לויפט אַרום דעם טיש. לויף נית, סעם, אַזוי שנעל. אַז נית, פאַלסטו אַנידער. נאַ דיר דערפאַר אַ פלוים. שטיף נית, סעם. דײַן מומעס מײדעלע שלאָפט. זי שרײַט אָפט פון שלאָף. רוף אַהער דײַן פאָטער. זאָל ער הערן ווי דו לײענסט. לײען! העלף מיר, לערער! זאָג נית אַן עלטערן—העלף, נאָר—העלפט. אַז דו לײענסט — עס נית. אַז דו עסט — לײען נית. אַז דו רעדסט — שלאָף נית.

מײַן פאָטער, דײַן מוטער, זײַן פאָן,
זײַן מויל.

דו שלאָפסט — ער שלאָפט.
דו לויפסט — ער לויפט.

דו לערנסט, ער לערנט, מיר לערנען, זיי לערנען.

דו לייענסט, ער לייענט, מיר לייענען זיי לייענען.


סעם לויפט אַרום דעם טיש. לויף ניט, סעם, אַזוי שנעל. נאַ דיר בערפאַר אַ פלוים. שטיג ניט, סעם! דיין מומעס מיידעלע שלאָפט. זי שרייט פון שלאָף.

דו לערנסט, ער —, מיר —, זיי —.


דו לייענסט, ער —, מיר —, זיי —.

דו שרייסט, ער —, מיר —, זיי —.


8




אי



אײַ



אֵײ



או



אויער

אֵײ, אֵײן, אין, און, אויף.

אונזערע און אײַערע עלטערן זײַנען אידען.

אײַדע און איזי זײַנען נעמען.

מײַן פאַטערס פאָטער און מײַן פאָטערס מוטער זײַנען מײַנע אורעלטערן. אונזערע עלטערן זײַנען עלטער פון אונז, אונזערע עלטערן זײַנען אידען. אידען זײַנען דאָ אומעטום. אײַדע איז אַ אידיש מײַדעלע. אײַער מײַדעלע אײַדע איז דאָ, און אײַער איזי איז ניטאָ דאָ.

דער מעסער איז אַ שטאָלענער, און די פעדער איז אַ שטאָלענע. די פאַן איז ניט פון שטאָל. די פאַן איז אויף דעם אַלמער. דער מעסער און די טעלער זײַנען אין אַלמער.

אײן אײ — דרײַ אײער.

אײן העמד — דרײַ העמדער.

אונזערע עלטערן זײַנען אױבן.

דער מעסער איז אַ שטאָלענער.

די נײַע פעדער איז אַ שטאָלענע.

אײַער מײדעלע אײַדע איז דאָ.

אײן אײ, דרײַ —

אײן העמד, דרײַ —

9




בוים

ב ב



וואָלף

וו וו



קאַם

ק ק

די באָבע , דער בער , דאָס

בערעלע. קאַלט. עס איז אַ ביטערע קעלט. מען וויינט, ווער וויינט? וועלוועלע. פאַרוואָס וויינט ער? ער איז קראַנק. אַ וואָלף אַ קליין וועלפּעלע.

עס איז אַ ביטערע קעלט. וועלוועלע אָבער לויפט אַרום. ער ווערט פערמאַטערט און טרינקט דערביי קאַלט וואַסער. וועלוועלע ווערט קראַנק. ער איז אין בעט. ער וויינט. קומט זיין באָבע דוואָשע. זי איז אַלט. קוים וואָס זי טרעט. וואָס איז דאָס ביי דער באָבען אין דער האַנט? עטוואָס פאַר וועלוועלען. די באָבע ווייזט, וואָס זי האָט אין האַנט: אַ קליין בערעלע, אַ וועלפּעלע און אַ שטיק

טאָרט. וועלוועלע ווערט שטיל. ער בעקוקט אַ ווײַלע דאָס בערעלע מיט דעם וועלפעלע און הויבט אָן עסען דעם טאָרט.

איין בוים — פינף בוימער.
איין קינד — זעקס קינדער.

עס איז קאַלט. וועלוועלע ווערט קראַנק. ער וויינט. קומט זײַן אַלטע באָבע. זי האָט אַ בערעלע, אַ וועלפעלע און אַ שטיק טאָרט פֿאַר וועלוועלען. וועלוועלע נעמט דעם טאָרט און הויבט אָן עסן.


אײן בױם, זעקס בײמער

אײן **קינד**, זעקס —

אײדער דו עסט, װאַש רײן דײַנע


הענט.

10



ליכט

כ כ




בוך

ך ך



צאָהן

צ



קאַץ

ץ

איך, מיך, דיך, זיך.

איך זעץ זיך, איך זיץ.

ער זעצט זיך, ער זיצט.

אין א קיך קאָכט מען.

אַ שיכעלע, צוויי שיכעלעך.

דאָס ליכט איז אין לייַכטער.

איך קום אין קלאַס. איך זעץ זיך אַוועק
אויף אַ באַנק. אין קלאַס זיצן נאָך

קינדער. דאָס זײַנען אַלץ קלײנע
קינדערלעך. זײ זיצן אַלע אין צײַלן.
איטליכער צײַל האָט צו פינף בײנקלעך.
אויף איטליכער באַנק איז דאָ צו צװײ
זיץ ערטער. די זיץ ערטער זײַנען ברױן
און די טישלעך זײַנען שװאַרץ. איטליכעס
קינד האָט צו צװײ פיסעלעך מיט צװײ
שיכעלעך אויף די פיסעלעך. איטליכעס
קינד האָט מיט זיך אַ קיכעלע.

איך קאָך, דו קאָכסט, ער קאָכט.
איך קום, דו קומסט, ער קומט.
איך לערן, דו לערנסט, ער לערנט.
איך לויף, דו לויפסט, ער לויפט.
איך זיץ, דו זיצסט, ער זיצט.

אין קלאַס זײַנען דאָ בײנקלעך. אויף איטליכער באַנק זיצן צוויי קינדער. איטליכעס קינד האָט צוויי שיכעלעך אויף די פיסעלעך. איטליכעס קינד האָט מיט זיך אַ קיכעלע.

איך קאָך, דו קאָכסט, ער קאָכט.


איך קום, דו — ער —

איך לערן, דו — ער —

איך לויף, דו — ער —


איך זיץ, דו — ער —

11




גלאָז

ג ג



פּען

פּ פ



יאַגעדעס

י י

גרין, געל און גרוי זײַנען פאַרבען.

פּערעלע איז אַ קלײן מײדעלע.

פּינעלע איז אַ אינגעלע.

יעדע יאגעדע האָט יאָדרעס.

אונטער די גרינינקע ביימעלעך, אויף דעם גרינעם גראָז, שטיפן זיך קלייניניקע קינדערלעך. אונטער די ביימעלעך, ביי דעם וועג, האָט מען אויפגעהאַנגען אַ וויגעלע. ווער האָט אויפגעהאַנגען דאָס וויגעלע? פערעלעס מאַמע. פערעלע איז אין וויגעלע. דער קליינער ברודערל פינעלע וויגט זי. פערעלע זינגט צו: פיק־פיק־פיק, פאַק־פאָק־פאָק. פינעלע האַלט אין איין האַנט אַ גרוי זעקעלע פול מיט יאַגעדעס און מיט ניס. ער צוקנאַקט יעדן נוס און עסט אויף די יאָדרע. יעדע יאַגעדע האָט קליינע יאָדערלעך.

אַ בלינד פערד פאַלט גלײַך אין גרוב אַרײַן.

אַ הענטעלע, אַ פּאָר הענטעלעך.
אַ װיגעלע, אַ פּאָר װיגעלעך.
אַ ניסעלע, אַ פּאָר ניסעלעך.
אַ פיסעלע, אַ פּאָר פיסעלעך.

אויך דעם גרינעם גראָז בײַם װעג
שטיפן קינדערלעך. אונטער אַ
בײמעלע איז אַ װיגעלע, אין װיגעלע
איז פערעלע. פערעלעס ברודער
פינעלע װיגט זי. זי זינגט צו: פּיק־
פּיק. פינעלע האָט יאַגעדעס און ניס.

ער עסט די יאָדערס פון די ניס.

אַ ווינגעלע, אַ פּאָר —.

אַ פּיסעלע, אַ פּאָר —.

אַ ניסעלע, אַ פּאָר —.

אַ הענטעלע, אַ פּאָר —.

אַ שיכעלע, אַ פּאָר —.

העי, העי, העמערל!

העי, העי, העמערל!
קום צו מיר אין קעמערל!
איך וועל דיר עפּעס ווייַזן:
שיכעלעך פון אײַזן,
ביר אין די קריגעלעך,
קינדער אין די וויגעלעך
שרייַען ווי די ציגעלעך:
מע, מע, מע!

דאָס קינד און די פעני.

אַ קינד איז געשטאַנען און געוויינט. קומט אָן אַ מאַן.

— וואָס וויינסטו, אינגעלע?

— איך האָב פערלאָרען אַ פעני.

— נאַ דיר אַן אַנדער פעני — זאָגט דער מאַן.

דאָס קינד נעמט די פעני און וויינט ווידער.

— וואָס וויינסטו איצט? — פרעגט דער מאַן.

— ווען איך וואָלט ניט פערלאָרען מיין פעני, וואָלט איך דאָך איצט געהאַט צוויי.

12


פויגעל. עסען. פליגען. זיצען.

שלאָפען. אַוועקגעפלויגען. לעבען.

צווייגעל. מאַכען. זוכען. מענשען.

מאָרגען. שטייגעל.

אין אַ וואַלד האָבען געלעבט פייגעלעך.
איין פויגעל האָט געוואָלט לעבען אַליין.



ער האָט געוואָלט זיצען אַליין אויף אַ צווייגעל, מאַכען זיך אַ נעסט ווייט פון אַלעמען. ער איז אַוועקגעפלויגען און גענומען זוכען פאַר זיך עסען: פליגען און ווערימלעך. ער האָט אָפּגעגעסען, געזעצט זיך אויף אַ צווייגעל, אונטערגעשטעקט דעם קאָפּ אונטער אַ פליגעל און איינגעשלאָפען. האָבען עס בעמערקט שלעכטע מענשען. זיי זיינען שטיל צוגעגאַנגען און געפאַנגען דעם פויגעל. אויף מאָרגען איז שוין דער אָרימער פויגעל ניט געווען אין דעם גרינעם וואַלד. ער איז געזעסען פערשפּאַרט אין אַ קליינעם שטייגעל.

איך זוך,	דו זוכסט,	ער זוכט,	מיר זוכען,	זיי זוכען.
איך לעב,	דו —	ער —	מיר —	זיי —
איך מאַך,	דו —	ער —	מיר —	זיי —
איך שלאָף,	דו —	ער —	מיר —	זיי —

שיקט דער האַר אַ פּויערל...

שיקט דער האַר אַ פּויערל אין וואַלד,
אַ פּויערל אין וואַלד,
ער זאָל דאָרט באַרעלעך רײַסען.
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רײַסען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען.

שיקט דער האַר אַ הינטעלע אין וואַלד,
אַ הינטעלע אין וואַלד,
ער זאָל דעם פּויערל בײַסען.
הינטעלע וויל ניט פּויערל בײַסען,
פּויערל וויל ניט באַרעלעך רײַסען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען,
באַרעלעך ווילען ניט פאַלען.

13

עֵ = ײ ; עֵה = ײ.

אײדער. אײביג. שנײ. עֵדעל.
לעֵדיג. לעֵגען. שעֵן. געוועֵהנליך.
דערצעֵהלען. אומגעֵהן. שטעֵהן. זעֵהר.

אַ קלײן מײדעלע האָט אַװעקגעלעֵגט דעם קאָפּ דער מאַמען אויף דעם שויס. בײַ דער זײַט איז געזעסען נאָך אַ קלײן אינגעלע. די מאַמע האָט זײ דערצעֵהלט שעֵנע געשיכטען. זי האָט אויך געזאָגט: עֵדעלע מענשען שטעֵהען ניט פון ווײַטען, ווען זײ זעֵהען אַ מענשען אין אומגליק.



אומגעהן לעדיג איז זעהר ניט קיין שענע געוועהנהייט. אויף די זעהר הויכע בערג איז דא אייביגער שניי. וואש זיך ריין, וועסטו זיין געזונד און שען.

איך געה, דו געהסט, ער געהט, מיר געהען, זיי געהען.
איך שטעה, דו — ער — מיר — זיי —

פארזיכטיגקייט.

איינער דערצעהלט: איינמאל בין איך געגאנגען ביינאכט. האב איך דערזעהען — א בלינדער געהט מיט א לאמטערנע אין דער האנט. זאג איך: „מיין טייערער! צו וואס דארפסטו האבען די לאמטערנע?" זאגט ער. „ווען איך האלט די לאמטערנע, קאנען מיך מענשען דערזעהען. און זיי וועלען מיר העלפען, איך זאל ניט אריינפאלען אין א גרוב."

14

ליעבען. שפּיעלען. ליעגען. ליעד. פאָהרען. נעהמען. איהר. איהם. יאָהר. היהנדעלעך. פריהלינג. בריהמער.

דער פריהלינג איז געקומען. אַ נייַ יאָהר פאַנגט אָן. די פייַגעלעך זינגען זייַערע ליעדער. די קינדער שפּיעלען זיך אויף דער גאַס. זייַ נעהמען לייַהם און קנעטען היהנדעלעך. זייַ פיהרען וועגעלעך מיט זאַמד. נאָר די קינדערלעך היטען זיך און ליעגען ניט אויף דער ערד. זייַ ווילען זיך ניט פערקיהלען. די מוטער ליעבט איהרע קינדער און ווען זייַ לעגען זיך שלאָפען, זינגט זי זייַ שעֶנע ליעדעלעך.

אָט איז אײַן ליעדעלע איהרם:

אונטער דעם קינדס וויגעלע
שטעהט אַ קלײַן ווײַס ציגעלע.
דאָס ציגעלע איז געפאָהרען האַנדלען
ראָזינקעס מיט מאַנדלען.
ראָזינקעס מיט מאַנדלען זײַנען זעהר זים
דאָס קינד וועט זײַן געזונד און פריש,

און זי ענדיגט:

שלאָף, שלאָף אין דײַן רוה,
מאַך די שענע אײַגעלעך צו.
מאַך זײַ צו און מאַך זײַ אָפען
און ווער געזונטערהײַט אַנטשלאָפען.

אַ בערידהמער איז גוט צו שלאָגען.

אַז מען עסט זויערע עפּעל,
ווערען הײַליג די צײַהן.

ליעבע פאַר ליעבע.

אַ פאָטער האָט געפרעגט זײַן קלײנעם זוהן:
— פאַר וואָס האָבען דיך אַלע אַזוי ליעב?
— איך ווייס ניט — האָט דער זוהן געענטפערט — עס קאָן זײַן דערפאַר, וואָס איך ליעב אַלעמען.

האָב ליעב דעם אַנדערען ווי זיך אַלײן.

אײנצאָהל:

איך	שפּיעל,	דו	שפּיעלסט,	ער	שפּיעלט:
איך	ליעג,	דו	—	ער	—
איך	ליעב,	דו	—	ער	—
איך	פאָהר,	דו	—	ער	—

מעהרצאָהל:

מיר	שפּיעלען,	איהר	שפּיעלט,	זײ	שפּיעלען.
מיר	ליעגען,	איהר	—	זײ	—
מיר	ליעבען,	איהר	—	זײ	—
מיר	פאָהרען,	איהר	—	זײ	—

אייַנס, צווייַ, דרייַ, פיער, פינף, זעקס,
זיבען, אַכט, נייַען, צעהן, עלף, צוועלף,
דרייַצעהן, פערצעהן, פופצעהן, זעכצעהן.
זיבעצעהן, אַכצעהן, נייַנצעהן, צוואַנציג.

15

וואו, וואוי.

וואו, וואוהין? וואונדער. געוואונשען.
וואוינען. וואויל.

וואוהין געהען די קינדער יעדען טאָג?
זיי געהען אין שולע. דאָרטען זייַנען
אַלע קינדער וואוילע און וואונדערשענע.
די גרעסטע צאָהל קינדער וואוינט ניט
ווייַט פון דער שולע. די קינדער האָבען
זעהר פיעל געוואונען אין דער שולע. זיי

האָבען זיך אויסגעלערנט לייענען, שרייבען און זינגען. זיי זיינען ווי געוואונשען פאַר דער שולע.

אַ וואוילער אינגעל — אַ וואוילע מיידעל
אַ וואויל קינד.

אַ ווייסער האָהן — אַ ווייסע הוהן —
אַ ווייס ציגעלע.

דאָס קינד און דאָס פייגעלע.

פייגעלע, פייגעלע! — פּי, פּי, פּי!
וואו איז דער טאַטע? — ניטאָ היע.
ווען וועט ער קומען? — מאָרגען פריה.
וואָס וועט ער ברייגנען? — אַ גלעזעלע ביער.
וואו וועט ער שטעלען? — הינטער דער טיר.
מיט וואָס וועט ער צודעקען? — מיט פּאַפּיער.
ווער וועט טרינקען? — איך מיט דיר.

דער בײַל.

אַ אינגעל איז געקומען אַ הײם. אויף דעם שטערען איז בײַ איהם געװען אַ גרויסער בײַל.

— וואָס איז ביי דיר אויף דעם שטערען? — פרעגט זײַן מאַמע.

— גאָרנישט.

— ווי הייסט, גאָרנישט? עס איז דאָך אַ גרויסער בײַל. פון וואַנען איז דאָס?

— איך האָב אומגערן אַ בים געטון מיט די צייהנער.

— דו האָסט מיט דײַנע צייהנער צוביסען? — האָט די מאַמע פערוואונדערט געפרעגט. — ווי האָסטו געקאָנט דערלאַנגען מיט דײַנע צייהנער דעם שטערען?

— ווי? איך בין אַרויפגעקראָכען אויף אַ שטול.

16

זש, דזש, טש.

פּאַסאַזשיר. זשאַלעווען.

דזשײַק. דזשעני.

דײַטש. דײַטשלאַנד. פּישטשען.

דזשײַק און דזשעני זײַנען געקומען פון

דײַטשלאַנד מיט אַ שיף. צװײ װאָכען זײַנען זײ געװען פּאַסאַזשירען. זײער מאַמע האָט זײ זעהר געזשאַלעװעט און געהיט. די האָט זײ געגעבען עסען גוטע זאַכען. אַלע פּאַסאַזשירען אױף דער שיף האָבען מיט זײ געשפּיעלט. װאָס זשע איז דערפון געװאָרען? דזשײק און דזשעני זײַנען געװאָרען צולאָזען: זײ האָבען געפּישטשעט און געשריען און געפּאָכעט מיט אַ בײַטש און צו אַלעמען אױף דער שיף צוגעשטאַנען.

אַ פּאַסאַזשיר, פּאַסאַזשירען.
אַ דײַטש, —
אַ שיף, —
אַ נאָך, —
אַ זאַך, —

אויף דעם הויכען באַרג.

אויף דעם הויכען באַרג,
אויף דעם גרינעם גראָז
שטעהען אַ פּאָר דײַטשען
מיט די לאַנגע בײַטשען.
הויכע מאַנען זײַנען זײ,
קורצע קלײדער טראָגען זײ,
צעהן טאָלער פערמאָגען זײ,
פײַגען אין די טאַשען,
מעד אין די פלאַשען,
ביער אין די קריגעלעך,
קינדער אין די וויגעלעך.

אַ שאַרף אויג.

צוויי אידען זײַנען געפאַנגען געוואָרען. געהען זײ צוזאַמען מיט זײער פענגער אין וועג. הערט דער פענגער, ווי זײ שמועסען צווישען זיך:

— אָט יענער קעמעל, וואָס געהט דאָרט ווײַט, ווײַט פאָרויס, איז אַ בלינדער אויף איין אויג. ער איז אָנגעלאָדען מיט צוויי לאָגלען: איינער מיט ווײַן און איינער מיט בוימעל.

פרעגט דער פּענגער פערוואונדערט:

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס אַזוי?

— גאַנץ איינפאַך — ענטפערן די אידען — זעהסט דאָס גראָז פון ביידע זײַטען וועג? פון איין זײַט איז עס אָפּגעהריזשעט; די אַנדערע זײַט אָבער, וואָס דער קעמעל מיט זײַן בלינד אויג האָט ניט געזעהן, איז געבליבען ניט גערידהרט. איצט קאָן מען בעמערקען דאָ אויפן זאַמד שפּורען פון טראָפּענס. אַ טייל טראָפּענס איז אײַנגעזאַפּט אין דער ערד, — דאָס איז פון ווײַן. אַ טייל האַלט זיך פון אויבען, — דאָס איז פון בוימעל.

איז דער פּענגער נאָכגעלאָפען דעם אָנגעלאָדענעם קעמעל. האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אידען האָבען אַלץ פּינקטליך געטראָפען.

אַ פערוואונדערטער האָט דער פּענגער געבראַכט די אידען צו זיך אַהיים. ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ

מאָלצייַט און געלויבט זייַער קלוגהייַט. נאָכדעם האָט ער זיי בעפרייַט און אָפּגעלאָזען אַהיים.

17

ליאַרעם. ליאַלקע. ליולינקע. ליו־ליו. זייַדעניו. באָבעניו. טאַטעניו. מאַמעניו.

די מאַמעניו זיצט בייַם וויגעלע. זי וויגט די קלייַנינקע מאַניעלע. זי זינגט איהר אַ שׁעֶן ליעדעלע: אַליע־ליוליע, ליולינקע, ליולינקע, ליו־ליו. דעם טאַטעניוס עלטערן, דער זייַדעניו און די באָבעניו, זייַנען געקומען צו אונז אין געסט. דער זייַדעניו האַלט אַ שטעקען אין דער האַנט און די באָבעניו אַ זאָק. זיי האָבען געבראַכט פאַר מאַניען אַ ליאַלקע. מאַניע האָט דערזעהן די ליאַלקע, האָט זי אויפגעהויבען אַ גאַנצען ליאַרעם. די באָבעניו

מיט דער זאַק אין דער האַנט זעצט זיך
ביי מאַניעלעס וויגעלע. זי בערוהיגט
מאַניעלען און גלעט איהרע הענטעלעך. זי
וויגט די וויגעלע און שטריקט די זאַק.

זיידע—זיידעניו—זיידעשע.
באָבע—באָבעניו—באָבעשע.
טאַטע—טאַטעניו—טאַטעשע—טאַטעלע.
מאַמע—מאַמעניו—מאַמעשע—מאַמעלע.

מיר וויסען, מיר וויסען!

אַמאָל האָבען אין אַ קליין דערפעל געוואוינט
אַ מאַן מיט אַ ווייב, זעהר ווילדע מענשען. איין
פעהלער האָבען זיי נאָר געהאַט: זיי פלעגען
קיינמאָל דעם צווייטען ניט אויסהערען אין גאַנצען
און פלעגען אויסרופען: „מיר וויסען, מיר וויסען!"
איין מאָל איז צו זיי אַריין אַ איד מיט אַ
שלאָפראָק אין האַנט און געזאָגט: „ווער עס וועט

דעם שלאָפראָק אָנטון און פערשפּיליען איהם אויף איין קנעפּעל, וועט זיך אויפהויבען אויף צוויי איילען איבער דער ערד. אַז ער וועט דעם שלאָפראָק פערשפּיליען אויף צוויי קנעפּלעך, וועט ער זיך ביזן הימעל אויפהויבען. און אַז ער וועט איהם פערשפּיליען אויף אַלע דריי קנעפּלעך, וועט ער אין הימעל אַוועקפליהען".

דער מאַן האָט זיך ניט פונאַנדערגעפרעגט, ווי אַזוי קאָן מען זיך פון הימעל צוריק אויף דער ערד אומקעהרען, און ער האָט אויסגערופען: „מיר ווייסען, מיר ווייסען!"

ער האָט גלייך דעם שלאָפראָק אָנגעטון, פערשפּיליעט איהם אויף אַלע דריי קנעפּלעך און איז אַוועקגעפלויגען אין הימעל אַריין.

די ווייב זיינע איז נאָכגעלאָפען נאָך איהם, פערריסען דעם קאָפּ צום הימעל און געשריען: „זעהט, מענשען, מיין מאַן פליהט אין הימעל אַריין!" אַזוי לויפענדיג, איז זי צוגעקומען צו אַן אָפּגרונד און

איז אַהין אַרײַנגעפֿאַלען. אויפֿן דעק פֿון אָפּגרונד
האָט געפּליסט אַ קלײן טײַכעל.

מען זאָגט, אַז פֿון דעם מאַן איז אַן אָדלער
געוואָרען און פֿון דער ווײַב — אַ פֿיש.

3

שטאָד̆ט, שטעד̆טעלע, לײַד̆ט, רעד̆ט,
זיד̆ט, בינד̆ט, צינד̆ט, שנײַד̆ט.

ווען מען צינדט אָן אַ שוועבעלע, דאַרף
מען זײַן פֿאָרזיכטיג. פֿון אײן שוועבעלע
קאָן אָפּברענען אַ גאַנצע שטאָדט. אין
רוסלאַנד זײַנען פֿאַראַן פֿיעלע קלײנע
שטעדטלעך אָבער וועניג גרויסע שטעדט.
אַ שטאַרקער מענש לײַדט שטיל אַ וועהטאָג.
ווען מען וואַרימט אָן וואַסער זעהר שטאַרק,
זידט עס. וואָס קלוגער דער מענש איז,
אַלץ וועניגער רעדט ער.

איינצאָהל:

איך בינד,	דו בינדסט,	ער בינדט.
איך שנייד,	דו —	ער —
איך רעד,	דו —	ער —

מעהרצאָהל:

מיר בינדען,	איהר בינדט,	זיי בינדען.
מיר שניידען,	איהר —	זיי —
מיר רעדען,	איהר —	זיי —

דער פוקס און דער שטאָרך.

I.

אַ פוקס און אַ שטאָרך האָבען זיך בע־פריינדט. רופט דער פוקס דעם שטאָרך צו זיך אין געסט.

קומט דער שטאָרך. און דער פוקס האָט אָפּגעקאָכט קאַשע, צושמירט אויף אַ פלאַכער טעלער און זאָגט צום שטאָרך:

— עס, טייערער, לאָז זיך ניט בעטען. מעהר האָב איך דיר ניט וואָס צו געבען.

דער שטאָרך האָט געקלאַפּט, געקלאַפּט מיט דעם לאַנגען שנאָבעל איבער דעם טעלער און האָט גאָרנישט געקאָנט אָננעהמען. און דער פוקס האָט



געלעקט און געלעקט ביז ער האָט אויפגעגעסען אינגאַנצען.

אַ הונגעריגער האָט דער שטאָרך געדאַרפט אַוועקגעהן אַהיים.

— קום צו מיר מאָרגען אין געסט — האָט ער פאַרן אַוועקגעהן געבעטען דעם פוקס.

II.


אויף מאָרגען איז דער פוקס געקומען צום שטאָרך אין געסט.

און דער שטאָרך האָט אָנגעקאָכט קניידלעך,

אָנגעוואָרפען אין אַ פלעשעל מיט אַ שמאָלען העלזעל און אַוועקגעשטעלט פאַר דעם פוקס.

— עס, טײַערער פוקס, און זאָל דיר וואויל בעקומען! מעהר, צום בעדויערן, האָב איך גאָר־נישט, וואָס דיר צו דערלאַנגען.

דער פוקס האָט זיך געדרעהט, געדרעהט ארום דעם פלעשעל, האָט אָבער ניט געקאָנט אַרײַנשטופען זײַן ברײַטען מויל אין דעם שמאָלען העלזעל.



און דער שטאָרך האָט מיט זײַן לאַנגען שנאָבעל אַרויסגענומען אײַן קנײַדעלע נאָך דער אַנדערער, ביז ער האָט אויפגעגעסען אינגאַנצען.

דער פוקס איז אַוועקגעגאַנגען אַ הונגעריגער און אַ צאָרנדיגער. און פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך געענדיגט די פרײַנדשאַפט צווישען דעם פוקס און דעם שטאָרך.

האָב איך מיר אַ מיבעלקע.


האָב איך מיר אַ קלײנעם מיבעלקע,
וואוינט ער אויף דער לאַנגער גאַס.
מאַכט ער מיר, וואָס איך וויל,
מאַכט ער מיר, וואָס ער קאָן.
מאַכט ער מיר אַ פײַפעלע, אַ פײַפעלע,
פײַפעלע מאַכט אַזוי:
פיו־פיו־פיו, פיו־פיו־פיו,
דאָס איז אַ פײַפעלע.

מאַכט ער מיר אַ טראָמבעצקע, אַ טראָמבעצקע,
טראָמבעצקע מאַכט אַזוי:
טרו־טרו־טרו, טרו־טרו־טרו,
דאָס איז אַ טראָמבעצקע.

מאַכט ער מיר אַ פײַקעלע, אַ פײַקערע,
פײַקעלע מאַכט אַזוי:
טרבאָם־באָם־באָם, טרבאָם־באָם־באָם,
דאָס איז אַ פײַקעלע.

מאַכט ער מיר אַ פידעלע, אַ פידעלע,
פידעלע מאַכט אַזוי:
פידעל־מידעל, פידעל־מידעל,
דאָס איז אַ פידעלע.
טרבאָם־באָם־באָם, טרבאָם־באָם־באָם,
דאָס איז אַ פײַקעלע,
טרו־טרו־טרו, טרו־טרו־טרו,
דאָס איז אַ טראָמבעצקע,
פיו־פיו־פיו, פיו־פיו־פיו,
דאָס איז אַ פײַפעלע.






צעהלען זיך ביים שפּיעלען

I.

איינגע־ביינגע
סטופּע־צייגגע,
אַרצע־באַרצע,
גאָלע־שוואַרצע,
איימעלע־ריימעלע,
בייגעלע־פּייגעלע,
האָפּ!

II.

איינס, צוויי, דריי,
אָדער־לידער־ליי,
אָקען־באָקען,
ביידע גלאָקען,
צירעלע, פּערעלע,
דוקס אַרוים!

רעטענישען:

וואָס איז דאָס?

האָט בלעטער און איז ניט קיין בוים; האָט אַ רוקען און איז ניט קיין מענש.

שוואַרצע זאָמען אויף אַ ווייסען פעלד; אַז מען עסט זיי, ווערט מען קלוג.

האָט ניט קיין פּיס און געהט; האָט ניט קיין מויל און צעהלט.

העברעאיש־אידישע ווערטער.

19

ַ ָ ֶ

אַ אָ עֶ

שֶׁמֶשׁ = שאַמעש. נֶפֶשׁ = נעפעש.

יַם. טַעַם. רֶגַע. גַזלֶן. עַם הָאָרֶץ.

אַ סַך. לַמדן.

אַלע טײַכען פליסען אין יַם. ריין וואַסער האָט ניט קײַן טַעַם. ווערט אַ רֶגֶע—הייסט ווערט אַ ווײַלע. יעדער לעבעדיגער נֶפֶשׁ דאַרף עסען. יעדע שוהל האָט איהר שַׁמֶשׁ. אויף דעם וואָס קאָן גאָר ניט לערנען, זאָגט מען—ער איז אַן עַם הָאָרֶץ. אויף דעם וואָס קאָן גוט לערנען, זאָגט מען — ער איז אַ לַמדן. אויף זעהר אַ שלעכטען האַרטהערציגען מענשען, זאָגט מען אָפט: ער איז אַ גַזלֶן.

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגען!

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגען
פון די קלײנע קינדערס װעגען!
אי בײַ טאָג, אי בײַ נאַכט
אַלע לאָדען צוגעמאַכט.
ניט קײן סך, ניט קײַן ביסעל
נאָר אַ פולע שיסעל.

קומט דער ליעבער זומער.

קומט דער ליעבער זומער,
שפּיעלען מיר אין זאַמד;
װאו עס איז אונזער װאוינונג,
דאָרט איז אונזער לאַנד.
שװאַרצע קאַרשען רײַסען מיר,
רויטע לאָזען מיר שטעהן;
גוטע קינדער נעהמען מיר,
שלעכטע לאָזען מיר געהן.

דער וואָלף און דער שטאָרך

אַ וואָלף אַ גַזלָן האָט פערצוקט אַ שעפּעלע. האָט זיך איהם געשטעלט אַ ביין אין האַלז. רופט ער אוים:

— ווער עס וועט מיר אַרויסנעהמען דעם ביין, וועט פון מיר בעקומען אַ גוטען לוין.



קומט דער שטאָרך, שטעקט אַריין דעם וואָלף אין מויל זיין לאַנגען שנאָבעל און שלעפּט פון דאָרט ארויס דעם ביין.

— איצט—זאָגט דער שטאַרק—גיב מיר מײַן לוין.

רופט זיך אָפּ דער וואָלף:

— איז ניט גענוג פֿאַר דיר, אַז דו קאָנסט אַוועק פֿון דאַנען און זיך בעריהמען: איך בין אַרײַן אין וואָלפֿס מויל און אַרויס פֿון דאָרט אַ גאַנצער?

איז דער וואָלף גערעכט?

20

אַי — ײַ

צַדִיק=צאַדיק. סֵפֶר=סײַפער. מִנהָג=מינהעג. מַזִיק. יָמִים. פָּנִים. גַזלָן, גַזלָנִים. סֵדֶר. ספָרִים.

זעהר אַ גוטער און עהרליכער מאַן הײַסט אַ צַדִיק. אויף אַ גרויסען שטיפער זאָגט מען—ער איז אַ מַזִיק. אַמעריקע איז פֿון אַלע זײַטען אַרומגערינגעלט מיט גרויסע יַמִים. די הענט און דעם פָּנִים האַלט יעדער מענש געוועהנליך נישט פֿערדעקט. אַ מאָל איז געווען בײַ אידען אַ מִנהָג—

ניט צו שערען אַ אינגעל זיינע האָר ביז דריי יאָהר.
אין די גרויסע וועלדער פלעגען זיך אַמאָל אויס־
בעהאַלטען גַזלָנִים. מען דאַרף שטענדיג האַלטען
די בּיכער ריין און אין אַ סֵדֶר. אַמאָל פלעגט
מען אויף ביכער זאָגען ספָרִים.

דאָס העזעלע.

בין איך מיר אַ העזעלע, אַ העזעלע אויף דער וועלט.
שרעקעניש און פּיין, שרעקעניש און פּיין
פון דער גאַנצער וועלט מוז איך אויסשטעהן. —
בין איך מיר אַן אָרעמינקעס העזעלע אַליין.
געהט זיך מיר דער ווינטערל,
דער ווינטערל מיט די גרויסע שנייִ
ווערט דאָך מיר ווינד און וועה.
ווינד און וועה איז דאָך מיר,
וואָס איך האָב ניט קיין קוואַרטיר.
בין איך מיר אַן אָרעמינקעס העזעלע אַליין.
דאָ ווער איך שוין געפאַנגען, געפאַנגען זעהר גיך.
ברייִנגט מען מיך צום פּריץ אויפן קיך.

שנײַדט מען מיר דאָס בײַכעל אײַן.
טרינקט מען דערנאָך מעד און װײַן.
בין איך מיר אַן אָרעמינקעס העזעלע אַלײַן.

21

ו ו
ו װ

מוּסָר=מוסער. גוֹלֶם=גױלאָם.
גוּף. יוֹשֶׁר. פּוּרִים. עוֹלָם. שוֹמֶר.

מען דאַרף דעם גוּף שטענדיג האַלטען רײַן.
אַ נאַר און אַן אַײנגעשפּאַרטען העלפט נישט קײַן מוּסָר. אַ גרױסען נאַר רופט מען גוֹלֶם. בעהאַנדעל דײַנע פרײַנד אַלעמאָל מיט יוֹשֶׁר. װאָס גרעסער דער עוֹלָם, אַלץ מעהר טומעל. בײַנאַכט געהט אַרום אַרום די קראָמען אַ שוֹמֶר צו היטען זײַ.
פּוּרִים פאַלט אוים אין ענדע װינטער.

דער ליגנער.

מיכל האָט געפּיטערט שאָף בײַם וואַלד, ניט ווײַט פון דאָרף. אײנמאָל האָט זיך איהם פערגלוסט אויסצולאַכען אַ ביסעל פון די דאָרפסלײַט. האָט ער אָנגעהויבען צו שרײַען: „אַ וואָלף! אַ וואָלף! ראַטעוועט!"

איז זיך צונויפגעלאָפען דער עולם פון דאָרף מיט שטעקענס און מיט העק, נאָר זײ האָבען קײַן וואָלף ניט געטראָפען. האָבען זײ פערשטאַנען, אַז מיכל האָט זײ אויסגענאַרט. זײַנען זײ בײזע צו־ריק אין דאָרף געגאַנגען, יעדער צו זײַן אַרבײַט.

אויף מאָרגען איז אַרויס פון וואַלד אַ וואָלף און איז געגאַנגען גלײַך צו דער טשערעדע. מיכל האָט איהם דערזעהן פון דערווײַטען און געמאַכט אַ גוואַלט: „גיכער, ראַטעוועט! אַ וואָלף!" נאָר די דאָרפסלײַט האָבען געמײנט, אַז ער מאַכט ווידער פון זײ שפּאַס, און קײנער פון זײ איז איהם צו הילף ניט געקומען. האָט זיך דער וואָלף אַרײַנגעריי־סען אין טשערעדע און דערוואָרגען דרײַ שעפּסעלעך.

22

בּ—ב, ו. כּ—כ—ך, ח.

בָּנִים. אַבְרָהָם. יַעֲקֹב. בְּטֶבַע. גַּנָּב. אַוַדַּאי. כְּדֵי. אַ כְּלַל. בִּכְלַל. חָכָם. חֵדֶר. חוֹדֶשׁ. פֶּסַח. כָּבוֹד. מְהַלֵּךְ. סוֹחֵר.

אַבְרָהָם, יִצְחָק און יַעֲקֹב זײַנען אונזערע פָאטערס. גיט אָפּ כָּבוֹד אײַערע עלטערען, כְּדֵי איהר זאָלט לאַנג לעבען. דער מאַן איז בְּטֶבַע זעהר אַ גוטער. דער גַּנָּב װעט אַוַדַּאי פריהער אָדער שפּעטער האָבען זײַן פּסק. עס איז אַ גרױ־סער מְהַלֵּךְ פון אונזער הױז ביז דער שולע. מײַן פָאטער איז אַן אַרבײַטער, און זײַנער—אַ סוֹחֵר. פֶּסַח פאַלט אין חוֹדֶשׁ נִיסָן. אַמאָל האָט אַ אידישע שולע געהײַסען חֵדֶר.

אַ פּאָר מעסטלעך.

אין דער שטאָדט, װאו רֶבּ פִּנְחָס דער זוהן פון יָאִיר האָט געװאױנט, זײַנען אײנמאָל אַראָפּגע־קומען פון דער פרעמד צװײ אָרימע מענשען. זײ האָבען דאָרטען געזוכט פערדיענסט. האָבען זײ

אָפּגעלעגט ביי רֶבּ פִּנחָסן אַ פּאָר מאָס גערשטען, וואָס זיי האָבען מיט זיך געהאַט.

דערנאָך זיינען די צוויי פרעמדע אַוועק פון דאָרטען, און זייער ביסעל גערשטען איז פערבליי־בען ביי רֶבּ פִּנחָסן. געדויערט אַביסעל צייט, און יענע קומען ניט. נעהמט רֶבּ פִּנחָס די גערשטען און פערזייהט זיי. דערנאָך, אַז די גערשטען זיינען אויפגעוואַקסען, האָט ער זיי אָפּגעשניטען און אַריינ־גענומען אין שייער. און אַזוי האָט ער געטון יאָהר נאָך יאָהר אויך מיט די גיי אויפגעוואַקסענע גערשטען.

אין זיבען יאָהר אַרום קומען צוריק די צוויי אָרימע לייט אין דערזעלבער שטאָדט. רֶבּ פִּנחָס האָט זיי באַלד דערקענט. פיהרט ער זיי צו צום שייער, בעווייזט זיי אויף די גרויסע הויפענס מיט גערשטען און זאָגט זיי:

„דאָס, וואָס איהר זעהט, איז אינגאַנצען אייערס. געהט, ברייננט קעמלען און אייזלען און פערנעהמט אייער גוטס".

היט זיך, זאָלסט ניט פערנעהמען קיין פרעמדעס!

23

ט, ת—ת. שׂ—שׂ—ס.

טַעַם. תַּלְמִיד. טַלִית. תּוֹשָׁב. תָּמִיד. שַׁבָּת. שבוּעוֹת. שֵׂכל. סוּכּוֹת.

שַׁבָּת איז דער זיבעטער טאָג פון וואָך. פֶּסַח, שבוּעוֹת און סוּכּוֹת זײַנען די גרעסטע אידישע יָמִים טוֹבִים. די אידען, וועלכע קומען אין אַמעריקע, ווערען דאָרטען תּוֹשָׁבִים. איהם איז, קענטיג, גוט אויפן האַרצען; ער איז תָּמִיד לעַ־בעדיג, תָּמִיד פרעהליך. ער האָט גאָרניט קײַן שֵׂכל און זײַנע ווערטער האָבען גאָרניט קײַן טַעַם. אַז מען גרייט נישט אָן עֶרֶב־שַׁבָּת, האָט מען נישט שַׁבָּת.

דער עֶדעלשטיין.

דער געלעהרטער רֶבּ שִׁמְעוֹן בֶּן שָׁטַח איז געווען אַ נויטבעדערפטיגער און האָט געהאַנדעלט מיט פלאַקס. איינמאָל האָבען די תַּלְמִידִים פאַר איהם געקויפט אַן אייזעל ביי אַן אַראַבער. געפינען

זײַ אויף דעם אײַזעלם האַלז פֿערשטעקט אַ טײַ־ערען עדעלשטײַן. רופֿען זײַ אוים מיט פֿרײַד: „רֶבִּי! גאָט האָט דיר צוגעשיקט אַ כָּשֵׁרֶע מציאָה, ביסט נתעשר געוואָרען!” זאָגט רֶב שמעון בֶּן שָׁטַח: „ניין, קינדער, איך האָב געקויפֿט אַן אײַזעל, ניט קיין עדעלשטײַן”, און האָט באַלד אָפּגעשיקט דעם עדעלשטײַן צוריק צום אַראַבער.

ווי וואָלט איהר געטון, קינדער?

24

לְבָנָה=לְבָנָ. מִסְתָּמָא=מִסְתַּמֶ.

תּוֹרָה. אֲבֵדָה. משֶׁה. שְׁלֹמֹה. חֲרָפָּה. בּוּשָׁה. חָכמָה. נשָׁמָה. שִׂנְאָה. שִׂמְחָה. מִסְתָּמָא.

בײַ טאָג לײַכט די זון, בײַ נאַכט די לְבָנָה מיט די שטערען. אַ גוטער מענש טראָגט ניט קיין שִׂנְאָה אויף זײַן חָבֵר. אויף אַ גוטען מענשען זאָגט מען — ער האָט אַ גאָלדענע נשָׁמָה. משֶׁה און שְׁלֹמֹה זײַנען אידישע נעמען. פֿאַר גרוים שִׂמְחָה האָבען זיך איהם געשטעלט טרערען אין

די אויגען. מסתמא האָט ער זיך נישט געריכט אויף אַזאַ פרייד. וואו תורה דאָרט איז חכמה. עס איז אַ חרפה און אַ בושה, ווען אַ אידיש קינד קאָן ניט רעדען קיין אידיש.

אַ וואָך האָט זיבען טעג. די טעג הייסען: זונטאָג, מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך, דאָנערשטאָג, פרייטאָג, שבת. אַ טאָג האָט פיער און צוואַנציג שעה. אַ שעה האָט זעכציג מינוטען. דער טאָג ווערט איינגעטיילט אין פיער טיילען: דער אינדער־פריה, דער בייטאָג אָדער דער נאָכמיטאָג, דער אָווענט און די נאַכט.

די זון, די לבנה און דער אמת.

די זון און די לבנה זיינען געגאַנגען שפּאַצי־רען. דער אמת איז אויך צוגעשטאַנען צו זיי. האָבען זיי אָפּגערעדט, אַז אַלץ וואָס זיי וועלען געפינען אין וועג, זאָלען זיי צוטיילען צווישען זיך גלייך. אויף דעם וועג האָט יעדערער פון זיי געפונען צו דריי עפּעל. האָט די זון פער־לייקענט איין עפּעל און די לבנה צוויי, נאָר דער

אָמֶת האָט גאָרנישט ניט פערלייַקענט. בייַם טייַלען
האָט די זון זיך פערשעמט און איז רויט געוואָ־
רען פאַר חַרפָּה און די לְבָנָה איז בלייַך געוואָרען
פאַר בּוּשָׁה. נאָר דער אָמֶת איז ווי פריהער גע־
בּליבען רייַן און קלאָר.

דער אָמֶת קומט אַרויף ווי בוימעל אויפן וואַסער.

אַמאָל איז געווען אַ מַעֲשֶׂה.

א מאָל איז געווען אַ מַעֲשֶׂה,
די מַעֲשֶׂה איז גאָר ניט פרעהליך;
די מַעֲשֶׂה הויבט זיך אָנעט
מיט אַ אידישען מֶלֶך.
ליולינקע מייַן פייגעלע,
ליולינקע מייַן קינד!

אַ מאָל איז געוועזען אַ מֶלֶך,
דער מֶלֶך האָט געהאַט אַ מַלכָּה,
די מַלכָּה האָט געהאַט אַ ווייַנגאָרטען,
ליולינקע מייַן קינד!

דער ווײַנגאָרטען האָט געהאַט אַ בוים,
דער בוים האָט געהאַט אַ צווײַג,
דער צווײַג האָט געהאַט אַ נעסטעלע,
ליולינקע מײַן קינד!

דאָס נעסטעלע האָט געהאַט אַ פֿײַגעלע,
דאָס פֿייגעלע האָט געהאַט אַ פֿליגעלע,
דאָס פֿליגעלע האָט געהאַט אַ פֿעדערל,
ליולינקע מײַן קינד!

דער מֶלֶךְ איז אָפּגעשטאָרבען,
די מַלְכָּה איז געוואָרען פֿערדאָרבען,
דער בוים איז אָפּגעבראָכען,
דאס פֿײַגעלע פֿון נעסט אַנטלאָפֿען,
ליורינקע מײַן פֿײַגעלע,
ליולינקע מײַן קינד!


25

רֵיחַ=רֵיאַח. כֹּחַ=כֹּאַח.
נֹחַ. רוּחַ. שָׁלִיחַ. מַטְרִיחַ זײַן. לוּחַ.

ער שרײַבט זעהר גוט: ער לעגט אויס נֹחַ מיט זיבען גרײַזען. אָפּט קאָן מען מיט שֵׂכֶל אויפטון מעהר, אײדער מיט כֹּחַ. זומער פאַרנאַכט גיבען די בלומען אַרויס פון זיך זעהר אַ געשמאַ־קען רֵיחַ. מען דאַרף ניט אומזיסט מַטְרִיחַ זײַן אַן עלטערען מענשען. וואו מען דאַרף מֹחַ, העלפט ניט קײן כֹּחַ.

פערנײַהען אַ שטויסעל.

אַ מאַן האָט געפונען אַ צובראָכען שטויסעל. ברײַנגט ער עס צו אַ שנײַדער און זאָגט: „פערנײַה מיר, זײַ מוחל, אָט דאָס צובראָכענע שטויסעל". דער שנײַדער בײַגט זיך אָן, הויבט אויף אַ הײַ־פעל זאַמד, דערלאַנגט עס דעם מאַן און זאָגט: „אָך, מיט דעם גרעסטען פערגעניגען! — נאָר פריהער זײַ דו זיך מַטְרִיחַ און דרעה אויס פון דעם זאַמד אַ פאָדים".



דער פײַפער.

ווער האָט דאָס געזעהען
און ווער האָט דאָס געהערט,
אַז וואַסער מיט פײַער
זאָלען פיהרען ווי אַ פערד?

אָ, האָט ער אַ פײַפער
מיט אַן אײַזערנעם כּח!
פון אונטען גיסט זיך וואַסער,
פון אויבען שפּאַרט אַ רויך!

הײַסע קויהלען
איז בײַ איהם אַ מאכל,
קאַלטע וואַסער
איז בײַ איהם אַ ײַכעל!

גוואַלד, רִבּונו שֶׁל עולָם,
נעהם אָפּ בײַ איהם די יאָהרען,
ער זאָל ניט קאָנען פּײַפען
און זאָל ניט קאָנען פאָהרען.

אָי, האָט ער אַ פּײַפער
מיט אַן אײַזערנעם כּחַ,
פון אונטען גיסט זיך וואַסער,
פון אויבען שפּאַרט אַ רויך!

26

סוף=סָף, קול=קָל.

רוב. מַזָל טוב. סוחְרים. אורחִים. יום.

דער אינגעל האָט אַ גוטען קול. חַנוּכָּה איז אַ פרעהליכער יום טוב. אידישע קינדער האָבען דאָם רוב טונקעלע האָהר. ווען בײַ אײַנעם ווערט געבאָרען אַ ברודערל, גיט מען איהם אָפּ מַזָל טוב. וואַלד סוחְרים האַנדלען מיט וואַלד, תבואָה סוחְרים—מיט תבואָה. אַבְרָהָם אָבִינו

האָט זעָהר שטאַרק געהאַלטען פון אויפנעהמען אורחים.

דאָס אײַזען.

װען דאָס אײַזען איז בעשאַפען געװאָרען, זײַנען די בוימער פערציטערט געװאָרען. „באַלד װעט קומען אַ סוף צו אונז — האָבען זײַ געטראַכט — מען װעט אונז אַלע אויסהאַקען“.

— װאָס ציטערט איהר אַזױ? — האָט זײַ דאָס אײַזען געזאָגט — װען איהר װעט נישט געבען קײַן האָלץ אויף אַ שטיל פאַר דער האַק, װעט אײַך קײַן בײַז ניט געשעהען“.

קינדער־ליעד.

די גרעזעלעך בליהען
אין פעלד אַלע גלײַך —
אַ קינד מעג זײַן פרעהליך,
צו אָרים צו רײַך.

די זון שיקט אונז אַלע
איהר בּרָכה, איהר שײַן —

צו דאַרף מען דעם גיטער
אויף גליקליך צו זײַן?

מיר אַלע — מיר זײַנען
נאָך קינדערלעך קלײנע;
אונז פּאַסט נאָר זײַן פרעהליך
און טאַנצען צו געהן.

אונז פּאַסט נאָך זיך דרעהען
ראָד אויס און ראָד אײַן, —
אַז וואויל איז אונז אידישע
קינדער צו זײַן.

27

שבועות = שבועת. סוכות = סוכֶת.
סִידוּר = סִידֶר. אֲפִילוּ = אֲפִילֶ.
אָדָם הָרִאשוֹן = אָדָם הָרִאשֶׁן.

צָפוֹן. דָרוֹם. פּרוּטוֹת. זִכָּרוֹן.
סִיוָן. תִּשְׁרִי.

שבועות פאַלט אין חודש סיון, סוכות אין חודש תשרי. אָדם הָראשון איז געווען דער ערשטער מענש. אַפילו אַ קלוגער מאַן זאָגט אַמאָל אַ נאַרישקייט. דער וואָס האָט אַ גוּ־טען זכּרון, קאָן ווערען אַ גרויסער לַמדן, ווען ער האָט נאָר חֵשֶק צו לערנען. סײַ ווײַט צו צָפון, סײַ ווײַט צו דָרום איז זעהר קאַלט. אַ ליגנער מוז האָבען אַ גוטען זכּרון.

די חָכמָה פון די אידישע קינדער.

I.

אַ סַך און ביליג.

איינער אַ מאַן איז געקומען קיין ירושלים. בעגעגענט ער אַ אידיש קינד. גיט ער איהם עט־ליכע פּרוטות און זאָגט איהם: „געה בריינג מיר אַזוינס, וואָס איך זאָל זיך דערמיט אָנעסען און זאַט ווערען, און נאָך איבערלאָזען און האָבען מיט־צונעהמען אין וועג". געהט דאָס קינד און בריינגט איהם זאַלץ. קוקט איהם אָן דער מאַן פער־וואונדערט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ מַאכל?

— איך האָב געבראַכט דאָס, וואָס דו האָסט פערלאַנגט — ענטפערט דאָס קינד, — עס וועט דיר קלעקען אי צום עסען און זאַט ווערען, אי נאָך איבערצולאָזען און מיטצונעהמען אין וועג.

II.

לויט דעם פרעג — דער ענטפער.

אַ מאַן איז געקומען קיין ירושָלַיִם. בעגעגענט ער אַ אידיש קינד, גיט ער איהם עטליכע פרוטות און זאָגט איהם: „געה ברייננ מיר אייער און קעז". געהט דאָס קינד און בריינגט. רופט זיך אָן צו איהם דער מאַן: „זאָג נאָר מיר, וועלכער קעז איז דאָ פון אַ ווייַסער ציג און וועלכער — פון אַ שוואַרצער?"

דאָס קינד ענטפערט איהם גלייך אָפּ: „פעטער, איהר זייַט אַ זָקן; אַדרַבָּא, זאָגט איהר, וועלכעס איי איז פון אַ ווייַסער הוהן און וועלכעס פון אַ שוואַרצער?"

אַ קלוג קינד איז אַ צירונג פאַר די עלטערן.

28

שׂכל׳דיג. שַׁבָּת׳דיג. מַעֲשֶׂה׳לעך.
געֿ׳מְסַחֶר׳ט. פער׳דַאגֶה׳ט. מַסֶר׳ן.

עס איז אַ גרויסער פערגעניגען צו מאַכען אַ שׂכל׳דיגע אויפגאַבע. צו יעדער שִׂמְחָה טוען מיר אָן שַׁבָּת׳דיגע קליידער. דער לעהרער דער־צעהלט אונז אָפט אין קלאַס שעֶנע מַעֲשֶׂה׳לעך. ער האָט אַזוי לאַנג געֿ׳מְסַחֶר׳ט ביז ער האָט אָנגעוואָרען זיין גאַנצען פערמעגען. ער געהט אום זעהר פער׳דַאגֶה׳ט. זאָלסט קיינמאָל ניט מַסֶר׳ן אויף דיין חַבֶר.

שָׁלוֹם.

אַ מאָל איז געווען אַ ברודער מיט אַ שוועס־טער — בִּנְיָמִין און חַנֶה׳לע. זיי האָבען צווישען זיך אַלעמאָל געלעבט בשָׁלום און האָבען זיך קיינ־מאָל נישט געקריגט. איינמאָל זאָגט בִּנְיָמִין צו חַנֶה׳לען: „איך האָב געהערט, שוועסטערל, אַז עס זיינען פאַרהאַן קינדער, וואָס קריגען זיך. לאָז מיר זיך אויך אַ ביסעלע צוקריגען״.

איך ווייס אָבער נישט, ווי מען טוט דאָס — האָט חַנֶה׳לע געענטפערט.

„וועל איך דיך אויסלערנען״ — האָט בִּנְיָמִין געזאָגט: „איך וועל נעהמען דאָס מעסערל, וואָס דער פאָטער האָט אונז ביידען געשענקט, און וועל זאָגען: „דאָס מעסערל איז מיינס״. זאָלסטו זאָגען: „ניין, דאָס מעסערל איז גאָר מיינס״. און אַזוי וועלען מיר זיך אָנהויבען צו קריגען.

בִּנְיָמִין האָט גענומען דאָס מעסערל און האָט אויסגעשריען: „זאָלסט וויסען, אַז דאָס מעסערל איז מיינס!״

חַנֶה׳לע האָט אַ ווײַלע געטראַכט און האָט געענטפערט: „אויב עס איז דיינס, געהם זיך דיר עס״.

און דער ברודער מיט דער שוועסטער זיינען ווידער געבליבען לעבען בְּשָׁלוֹם.

וואו שָׁלוֹם דאָרט איז בְּרָכָה.

29

כ'בין=איך בין; ס'איז=עס איז;
כ'געה=איך געה; ס'ווילט זיך=עס ווילט זיך.
ער'ט געבען=ער וועט געבען.
דו'סט קומען=דו וועסט קומען.
ער'ט לערנען=ער וועט לערנען.
דו'סט שרייבען=דו וועסט שרייבען.
ס'קינד=דאָס קינד, ס'וואָרט=דאָס וואָרט.

דער וואָלף און דאָס שעפּעלע.

אַ וואָלף האָט דערזעהען, ווי אַ שעפּעלע טרינקט וואַסער ביים טייך. ער האָט דאָס שעפּעלע געוואָלט פערצוקען; האָט ער גענומען זוכען צו איהם טענות און זאָגט:

— דו פערשמוצטסט מיר דאָס וואַסער אין טייך.

דאָס שעפּעלע האָט שטיל געענטפערט:

— איך פערשמוצ נישט דאָס וואַסער, כ'ריהר עס קוים מיט די ליפּען אָן.

— און פאַרוואָס האָסטו פּאַראַיאָהרען זומער מײַן טאַטען געזידעלט?

— כ'בין נאָך פאַראַיאָהרען זומער אַפּילו אויף דער וועלט ניט געווען, — האָט זיך מיט הַכנָעָה דאָס שעפעלע פערענטפערט.

דער וואָלף איז אין כַּעַס געוואָרען און האָט אויסגערופען:

— וואָס וועל איך דאָ מיט דיר לאַנג שמועסען! כ'בין נאָך הײַנט אויפן ניכטערען מאָגען און מוז דיך פערצוקען.

הערבסט.

ס'איז דער הערבסט געקומען,
ס'וועלקען בוים און בלום.
געלע בלעטער, זעה איך,
וואַלגערן זיך אַרום.

ס'קומט אַ ווינט אַ קאַלטער,
פײַפט אַ ליעדעל צו,
און די אָרימע בלעטער
האָבען ניט קײַן רוה:

הויבען זיך און טאַנצען
טויטערהייט, אָהן מאַכט;
און דער ווינט דער בייזער
פייפט און שפּיעלט און לאַכט.

30

אויפ'ן = אויף דעם. אונטער'ן = אונטער דעם. מיט'ן = מיט דעם. אינ'ם = אין דעם. פאַר'ן = פאַר דעם. נאָכ'ן = נאָך דעם. איבער'ן = איבער דעם.
פונ'ם = פון דעם. צום = צו דעם.
ביים = ביי דעם.

אֶמֶת קומט אַרויף ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער.

אַ מְלָאכָה איז אַ פאַנציר פאַר'ן דַלוּת.

אַ שִׁכּור און אַ נאַר געהט מען אויס'ן וועג.

וואָס ביי אַ ניכטערן אויפ'ן לונג, איז ביים שִׁכּור אויפ'ן צונג.

דאָס פייגעלע האָט זיך געמאַכט אַ נעסט אונ־טער'ן דאַך.

איך האָב איהם געוואונשען גליק פונ'ם גאַנ־
צען האַרצען.
געפלויגען, געפלויגען אַ גאָלדענער פויגעל
איבער'ן ים דעם ברייטען.

דער ברודער, ביי דעם ברודער, ביים ברודער.
דער פאָטער, מיט דעם פאָטער, מיט'ן פאָטער.
דאָס הויז, אין דעם הויז, אינ'ם הויז.
דאָס וואַסער, אונטער דעם וואַסער, אונטער'ן וואַסער.

דער זיידע און דער איניקעל.

דער זיידע איז געוואָרען זעהר אַלט, קוים וואָס ער האָט זיך געהאַלטען אויף די פיס. זיינע אויגען האָבען שוין שלעכט געזעהן, זיינע אויערן שלעכט געהערט, און אין מויל האָט ער קיין ציינער נישט געהאַט. ביים עסען פלעגט זיך איהם גיסען צוריק פון מויל אויפ'ן טישטוך. האָבען דער זוהן און די שנור איהם אויפגעהערט צו זעצען ביים טיש און געגעבען איהם עסען הינטער'ן אויווען. איינמאָל האָט מען איהם געבראַכט עסען אין אַ ליידמענער שיסעל. דער זיידע האָט זי געוואָלט צורוקען

נעהענטער. זײַנע הענט האָבען זיך אָבער געטרײַ־
סעלט. און ער האָט אומגערן אַראָפּגעוואָרפען די
שיסעל און זי צובראָכען. די שנור האָט דערפאַר
דעם אַלטען אָנגעזידעלט, און פון דאַמאָלסט אָן
האָט זי איהם אָנגעהויבען צו געבען עסען אין אַ
הילצערנער כּלי.

איינמאָל זײַנען מאַן און פרוי געזעסען און גע־
קוקט, ווי זײער זוהנעלע שפּיעלט זיך אויפ'ן דיעל
מיט ברעטלעך.

— וואָס מאַכסטו דאָס, לייבעלע? — האָט איהם
דער טאַטע געפרעגט.

— איך מאַך, טאַטעניו, אַ כּלי, — האָט לייבעלע
געענטפערט, — ווען דו און די מאַמעניו וועלען אַלט
ווערען, וועל איך אײַך פון איהר עסען געבען.

דער פאָטער און די מוטער האָבען זיך איבער־
געקוקט, זײַנען רויט געוואָרען און האָבען זיך צו־
וויינט. און פון דאַמאָלסט אָן האָבען זײ ווידער
אָנגעהויבען צו זעצען דעם אַלטען טאַטען בײַם
טיש און האָבען זיך מיט איהם זעהר גוט און
עדעל בעגאַנגען.

גיב אָפּ כּבוד דײַן פאָטער און מוטער, וועסטו לאַנג לעבען.

31

זומער־פֿײגעלע. נאַכט־װינטעל. אָװענט־שטערן. שנײ־װאָלקען. זילבער־קלאָר. גראָב־אײַזן. בעל־הבית. זומער־צײַט. גרינס־גאָרטן. בית־המדרש.

זומער־צײַט קאָן מען אויף די פעלדער זעהן זו־מער־פֿײגעלעך. נאָך אַ הײסען זומער־טאָג איז זעהר אַנגענעם אַ קיהלער נאַכט־װינטעל. זילבער־קלאָרע װאָלקענס האָבען געשװעבט איבער דעם הימעל און האָבען פֿערשטעלט די זונענשטראַלען. דער בעל־הבית פֿון דעם גרינס־גאָרטען האָט אויפגעגראָבען דעם גאָרטען מיט אַ גראָב־אײַזן. אין בית־המדרש לערנט מען.

דער עפּעל־בוים און דער רויזען־שטרויך.

אַ רויזען־שטרויך איז געװאַקסען ניט װײַט פֿון אַן עפּעלבוים. דער רויזען־שטרויך איז געװען זעהר שטאָלץ, װאָס מענשען ליבען איהם, און האָט אײנ־מאָל אַזוי געזאָגט:

— װער קאָן זיך מיט מיר פֿערגלײַכען? מײַנע

בלומען זײַנען אַ פערגעניגען פאַר'ן אויג און האָבען אַ פּרעכטיגען רֵיחַ. אֶמֶת, דער עפּעלבוים איז גרעסער פון מיר, אָבער פון איהם האָט קײַנער ניט קײַן הֲנָאָה.

דער עפּעלבוים האָט זיך אָפּגערופען:

— אֶמֶת, דײַנע בלומען זײַנען טאַקע שײן און האָבען אַ געשמאַקען רֵיחַ; דערפאַר האָב איך אַ בעסער האַרץ, אײדער דו.

פרעגט איהם דער רויזען־שטרויך:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס טוסטו עפּעס פאַר אַזוינע גרויסע חֲסָדִים, וואָס דו בעריהמסט זיך מיט דײַן גוט האַרץ?

ענטפערט דער עפּעלבוים:

— ווען דו גיסט דעם מענשען דײַנע בלומען, מוסטו איהם פריהער אַ שטאָך טון מיט דײַנע דערנער; אָבער איך גיב מײַנע פֵּירוֹת אֲפִילוּ אַזוינעם, וואָס וואַרפט אויף מיר שטײנער.

עס איז מעהר וויכטיג ווי מען גיט, אײדער וואָס מען גיט.

דער אַלֶף־בֵּית

מיטקלינגער: גערדרוקטע	מיטקלינגער: געשריבענע	נאָמען	מיטקלינגער: גערדרוקטע	מיטקלינגער: געשריבענע	נאָמען
א	א	אַלֶף	נ	נ	נוּן
בּ	בּ	בֵּית	ן	ן	לאַנגער נוּן
ב	ב	בֵית	ס	ס	סַמֶך
ג	ג	גִימֶל	ע	ע	עַיִן
ד	ד	דַלֶת	פּ	פּ	פֵּה
ה	ה	הֵא	פ	פ	פֵה
ו	ו	וָו *)	ף	ף	לאַנגער פֵה
ז	ז	זַיִן			
ח	ח	חֶת	צ	צ	צַדִיק
ט	ט	טֵית	ץ	ץ	לאַנגער צַדִיק
י	י	יוּד			
כּ	כּ	כָּף	ק	ק	קוּף
כ	כ	כָף	ר	ר	רֵיש
ך	ך	לאַנגער כָף	שׁ	שׁ	שִׁין
ל	ל	לַמֶד	שׂ	שׂ	שִׂין
מ	מ	מֶם	תּ	תּ	תָּו
ם	ם	שלוס מֶם	ת	ת	תָו

*) אין אידישע ווערטער ווערט דער קלאַנג אויסגעדריקט דורך וו—צוויי וואָווען.

נקודות:

ַ ָ ֶ ִ ֵ וּ וֹ און ֹ

פַּתַח קָמֶץ סֶגֹל חִירִיק צֵירֶה שׁוּרוּק חוֹלֶם

אידישע זעלבסטקלינגער; אַ, אָ, ע י, ו, יי, ײַ, וי, עָ.

צוזאמענגעזעצטע קלאנגען: זש, דזש, טש.

פערקירצונגען; א. א. וו. = און אַזוי ווייטער.

א. ד. ג. = און דאָס גלייכען.

א. א. = און אַנדערע.

ד. ה. = דאָס הייסט.

אָפּשטעל־צייכענס:

(.) — פּינטעלע. (,) — קאָמע. (;) — לאַנגע קאָמע. (:) — צוויי־פּונקט. (?) — פרעג־צייכען. (!) — אויסרוף־צייכען. (—) — שטריך. (-) — בינדר־שטריכעלע. („ ") — פרעמד־צייכענס. ( ) — רינגעלעך. (...) — פיעל־פּונקט. (') — שטריכעלע אָדער אַפּאָסטראָף.

33

צאָהלען:

צוואַנציג, איין און צוואַנציג, צוויי און צוואַנציג, דריי און צוואַנציג, פיער און צוואַנציג, פינף און צוואַנציג, זעקס און צוואַנציג, זיבען און צוואַנציג, אַכט און צוואַנציג, נײַען און צוואַנציג.

דרײַסיג, פערציג, פופציג, זעכציג, זיבעציג, אַכציג, נײַענציג.

הונדערט, צוויי הונדערט, דריי הונדערט, פיער הונדערט, פינף הונדערט, זעקס הונדערט, זיבען הונ־דערט, אַכט הונדערט, נײַען הונדערט, טויזענט.

אַלף־בית־ציפער.

א — 1	יא — 11	כא — 21	ר — 200
ב — 2	יב — 12	ל — 30	ש — 300
ג — 3	יג — 13	מ — 40	ת — 400
ד — 4	יד — 14	נ — 50	תק — 500
ה — 5	טו — 15	ס — 60	תר — 600
ו — 6	טז — 16	ע — 70	תש — 700
ז — 7	יז — 17	פ — 80	תת — 800
ח — 8	יח — 18	צ — 90	תתק — 900
ט — 9	יט — 19	ק — 100	
י — 10	כ — 20	קן — 150	

דער ערשטער שניי.

אויף די פעלדער איז עמיץ
אַ ווייסער געפלויגען;
ער האָט אַלע טייבלעך
מיט זילבער בעצויגען.
ער האָט אויף די לאָנקעס
זיין מאַנטעל פערלאָרען...
גאָטס וועלט איז פון דעמאָלט
אַ ווייסע געוואָרען.

רעטעניש:

ריגעלט אָהן ריגלען און מויערט אהן ציגלען.

די אַלטינקע מיט'ן בער.

I.

אַמאָל איז געווען אַן אַלטינקע. די אַלטינקע האָט געהאַט אַ סך אייניקלעך, קליינינקע קינדערלעך.

איינמאָל איז די אַלטינקע אַוועק אין וואַלד קלייבען יאַגעדעס. די קינדער זיינען געבליבען אַליין. זיי זיינען אַריין אין שטוב, פערשפּאַרט די טיר און זיך בעהאַלטען אין די ווינקעלעך. איינער

הינטערן אויווען, איינער אויפ'ן אויווען; איינער אונטער'ן בעט, איינער אין בעט; איינער אונטער'ן קאַסטען, איינער אין קאַסטען. די איבעריגע האָבען זיך פערדרוקט, וואו זיי האָבען נאָר געקאָנט; און דער אינגסטער אינגעלע העשעלע, ווי אַ פינגער די גרויס, איז אַריין אין אַ קליין פלעשעלע און געקוקט פון דאָרטען אַרויס.

II.

איז געקומען דער בער פון וואַלד, האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר און האָט אַרויסגעברומט:

— עפענט, קינדערלעך, אייער באָבען; עפענט זשע, קינדערלעך!

די קינדער האָבען דערקענט דעם בערס שטימע. האָבען זיי געשוויגען און נישט געעפענט.

דער בער האָט נאָך אַמאָל אָנגעקלאַפּט און אַרויסגעברומט:

— עפענט אייער באָבען, שטיפער!

די קינדער האָבען געשוויגען און זיך נישט אָפּגערופען.

אַ דריטען מאָל האָט דער בער אַ שטאַרקען קלאַפּ געטון. דער ריגעל פון טיר האָט זיך צובראָכען, און די טיר האָט זיך ברייט אויפגעעפענט.

דער בער איז אַריין אין שטוב, האָט אַרומגעשמעקט מיט זיין נאָז אַלע ווינקעלעך, האָט געפונען די קינדערלעך, איטליכען אין זיין ווינקעלע און האָט זיי איינגעשלונגען איינעם נאָכ'ן אַנדערען. געבליבען איז נאָר דער קליינער העשעלע, וואָס איז געזעסען אין פלעשעלע.

III.

דער בער איז אַוועק צוריק אין וואַלד, און די אַלטינקע איז געקומען צוריק אַהיים מיט אַ פולען פאַרטוך יאַגעדעס און האָט געזאָגט:

„קינדערלעך מײַנע, אייניקלעך מײַנע, קומט אַהער!
יאַגעדלעך שענע, יאַגעדלעך פײַנע, ווער וויל, ווער?"

און שטוב איז שטיל; עס הערט זיך קײַן פּיפּס ניט.
רופט די אַלטינקע נאָך אַמאָל:

„קינדערלעך מײַנע, אייניקלעך מײַנע! וואו זײַט איהר?
קינדערלעך מײַנע, אייניקלעך מײַנע, אַהער צו מיר!"

רופט זיך אָפּ דער קלײנער העשעלע פון זײַן פלעשעלע:

„באָבע, באָבע, באָבעניו!
אַ בײזער שלעכטער בער
געקומען איז אהער,
אַלע קינדער אויפגעגעסען.
געבליבען בין איך, העשעלע,
אָט דאָ אין דעם קלײנעם פלעשעלע,
וואו איך בין שטיל געזעסען".

IV.

די אַלטינקע האָט גענומען אַ מעסער און איז צוריק אַוועק אין וואַלד. זי האָט זיך אַנידערגעזעצט צווישען די יונגע בײמעלעך און האָט גערופען:

„בערעלע, בערעלע! קום נאָר צו מיר —
קאַשע מיט מילכעלע האָב איך פאַר דיר!"

— איך וויל נישט! — האָט אַרויסגעברומט דער בער.
די אַלטינקע האָט נאָך אַמאָל גערופען:

„בערעלע, בערעלע! קום נאָר צו מיר —
האָניג מיט ברייטעלע האָב איך פאַר דיר!"
— איך וויל ניט! — האָט דער בער אַרויסגעברומט.
האָט די אַלטינקע ווידער גערופען:
„בערעלע, בערעלע! קום נאָר צו מיר —
אַ שעֶן פיין ליעדעלע האָב איך פאַר דיר!
פון וואַלד צו מיר קום נאָר אַרויס,
פערשלעפער איך דיך אין מיין שויס."
— אָט בין איך! אָט בין איך! — האָט אַרויסגעברומט דער בער.

איז געקומען דער בער און אַוועקגעלעגט זיין קאָפּ אויף דער אַלטינקערס קניע. די אַלטינקע האָט איהם געזונגען אַ וויג־ליעדעלע און געגלעט איהם איבער'ן קאָפּ, ביז ער איז אַנטשלאָפען געוואָרען. דאַן האָט די אַלטינקע גענומען דעם מעסער, אויפגעשניטען דעם בער דעם בויך און אַרויסגענומען פון דאָרטען אַלע קינדערלעך, פרישע און געזונטע.

ווי זיי האָבען דערזעהן די באָבען, האָבען זיי אויסגעשריען:
„גוט מאָ־גען, באָבעניו!"


די אַלטינקע האָט געבראַכט די אייניקלעך אַהיים, זי האָט זיי אַרומגעוואַשען, אָנגעטון ריינע ווייסע העמדעלעך און האָט געגעבען אַלעמען קאַשע מיט מילך און צו צוויי פולע הויפענס יאַגעדעס יעדערן. דערנאָך האָט זי געזאָגט צו זיי:

קינדערלעך מיינע, אייניקלעך מיינע,
טוט זיך אָן און געהט אין שולע
און לערנט פלייסיג.

די קינדערלעך האָבען זיך אָנגעטון און אַוועקגעגאַנגען אין שולע אַריין לערנען.

די חוּשִׁים.

מיט די אויגען זעהען מיר; מיט די אויערן הערען מיר; מיט די פינגער טאַפּען מיר אָן; מיט'ן צונג און מיט'ן גומען פיהלען מיר אַ טַעַם; מיט דער נאָז פיהלען מיר אַ רֵיחַ.



מיר האָבען פינף אויסערליכע געפיהלען: 1) דאָס געפיהל פון זעהען, 2) דאָס געפיהל פון הערען, 3) דאָס געפיהל פון אָנטאַפּען, 4) דאָס געפיהל פון טַעַם און 5) דאָס געפיהל פון רֵיחַ.

אַנדערש ווערען די אויסערליכע געפיהלען אָנגערופען „חוּשים". 1) דער חוּש פון זעהען, 2) דער חוּש פון הערען, 3) דער חוּש פון אָנטאַפּען, 4) דער חוּש הַטַעַם און 5) דער חוּש הָרֵיחַ.

רייכקייט.

אַ בָּחוּר האָט בעגעגענט זיין אַלטען רֶבּי'ן און האָט זיך פאַר איהם אָנגעהויבען צו קלאָגען אויף זיין אָרימקייט.

— צו ביסטו ווירקליך אַזוי אָרים? — האָט איהם דער רֶבּי געפרעגט — פאַר וויפיעל געלד וואָלסטו מיר פערקויפט דיינע אויגען, וועלכע זעהען אַזוי שאַרף?

— פאַר קיין געלד ניט! — האָט דער בָּחוּר געענטפערט.

— נו, און די הענט דיינע, וועלכע אַרבייטען אַזוי געשיקט, פאַר וויפיעל וואָלסטו זיי פערקויפט?

— איך וועל זיי ניט פערקויפען.

— און דיינע אויערען, וואָס הערען אַזוי גוט? און די פיס, וואָס טראָגען דיך איבער דער גאַנצער וועלט?

— איך וועל זיי פאַר קיין געלד אויף דער וועלט נישט פערקויפען.

— אויב אַזוי, — האָט דער ר׳ בּ׳י געזאָגט — קלאָג זיך ניט, אַז דו ביסט אָרים. דו ביסט געזונט און ביסט שוין דערמיט אַליין גענוג רײַך.

צוויי און איינס.

דו האָסט איין מויל און אויגען צוויי.
פֿאַרוואָס? כ׳וועל דיר בעשייַדען:
זיי זײַנען צוויי — זאָלסט זעהען וואויל,
און איינס — זאָלסט וועניג רעדען.

דו האָסט איין מויל און אויערן צוויי,
און זאָלסט דאָס ניט בעקלאָגען:
פיעל זאָלסטו הערען אַנדערע,
אַליין גאָר וועניג זאָגען.

דו האָסט איין מויל און הענט אַ פּאָר,
דו זאָלסט דאָס ניט פערגעסען:
זיי זײַנען צוויי צום אַרבּײַטען
און איינער נאָר צום עסען.

רעדען איז זילבער און שווײַגען איז גאָלד.

די אויערן מוזען הערען, וואָס דאָס מויל רעדט.

דער קריג פון די אֵבָרִים.

די אֵבָרִים פון דעם מענשליכען קערפּער האָבען זיך אַמאָל צוקריגט און בעשלאָסען אויף ווייטער ניט בעדיענען איינער דעם צווייטען.

— מיר ווילען ניט אומגעהן — האָבען געטענה'ט די פיס — מיר ווילען אייך אַלעמען ניט טראָגען אויף זיך; געהט אייך אַליין!

— און מיר ווילען ניט אַרבייטען אויף אייך — זאָגען די הענט — אַרבייט אַליין!

— און וואָס בין איך מחויב געבען אייך אַלעמען עסען? — האָט אונטערגעברומט דאָס מויל — כ'וויל ניט קייען קיין שפּייז פאַר'ן מאָגען!

— און מיר זיינען אייך קיין שומרים ניט! — כַּעַס'ן זיך די אויגען — אַן עק, מעהר קוקען מיר ניט!

אַזוי האָבען זיך פֿער'עַקשָנ'ט אַלע גליעדער און אַנטזאָגט זיך צו טון יעדער זיין אַרבייט.

וואָס זשע איז אָבער דערפון אַרויסגעקומען? אַלע גליעדער זיינען אָפּגעשוואַכט געוואָרען און דער גאַנצער קערפּער איז געוואָרען קראַנק

דאַמאָלסט האָבען זיי אַלע פערשטאַנען, אַז עס איז נאַריש צו קריגען זיך און אַז מען דאַרף העלפען איינער דעם אַנדערען. און יעדער פון זיי האָט זיך ווידער לעבעדיג גענומען צו זיין אַרבייט און זיי זיינען געזונט געוואָרען.

אין איינינקייט ליעגט קראַפט.

דער וואָלף און דער פוקס.

אַמאָל איז אַ הונגעריגער וואָלף אָנגעפאַלען אויף אַ פוקס און געוואָלט איהם צוריַיסען.

זאָגט איהם דער פוקס:

„וואָס קאָן איך ביַי דיר קלעקען? — איינגאַנצען אויף איַין צאָהן. איך בין דאָך הוילע פעל און ביַינער. אויב דו ווילסט יאָ אַ רעכט הֲנָאָה האָבען, פאָלג מיך און געה אַריַין אין אַ אידישען הויף. היַינט איז ביַי זיי ערב שבת, ווערסטו זיי מיטהעלפען צוגריַיטען צו דער שבת'דיגער סעודה און דערפאַר ווערסטו שוין פון זיי בעקומען א פעטען חלק".

פאָלגט איהם דער וואָלף און לאָזט זיך לויפען.

ווי נאָר ער האָט געוואָלט אַריַין אין ערשטען אידישען הויף, איז מען אַרויס אַנטקעגען איהם מיט שטעקענס, גוט אָנגעבראָכען איהם די ביַינער און פערטריבען. קומט ער קוים אַ לעבעדיגער צום פוקס צוריק און איז מָלֵא רְצִיחָה:

„דו אַזוינער און אַזוינער! פערפיהרען האָסטו מיך געוואָלט. נאָר צוריַיסען וועל איך דיך!"

— זיי ניט אַזוי אויפגעבראַכט — בערוהיגט איהם דער פוקס — ניט אַנדערש, דו האָסט בעקומען די קלעפּ נאָר פאַר דיַין פאָטערס חַטָאִים: ער האָט אַמאָל זיי מיטגעהאָלפען צוגריַיטען צו דער סעודה, האָט ער בשעת מעשה אויסגעכאַפּט וואו נאָר אַ פעטער ביסען. נאָר איך זעה, אַז דו ביסט נעבעך שטאַרק אויסגע־הונגערט און אויסגעמאַטערט. קום מיט מיר, וועל איך דיר וויַיזען אַן אָרט, וואו דו וועסט זיך אָנעסען צו זאַט.

II.

פיהרט איהם דער פוקס אַוועק צו אַ ברונעם, אויף וועלכען ס'איז געוועז איבערגעלעגט אַ הילצערן וועלצעל מיט אַ שטריק. און ביי ביידע עקען שטריק זיינען געוועז אָנגעבונדען עמער: ווען איין עמער לאָזט זיך אַראָפּ אין ברונעם, הויבט זיך דער אַנדערער אויף. זעצט זיך דער פוקס אַריין אין אויבערשטען עמער און לאָזט זיך אַראָפּ. הויבט זיך דער אונטערשטער עמער אַרויף.

שרייט דער וואָלף אַריין אין ברונעם:

— עֶה, פוקס, וואָס טוסטו דאָרט אַזוינס?

זאָגט דער פוקס:

„איך האָב דאָ דערטאַפּט אַ גאַנץ געשמאַקען ביסען: אַ פרישען שטיק קעז, זילבער־קלאָר, צוגעהט זיך אין מויל. אָט זעה אַליין!" און דערביי ווייזט ער איהם אָן מיט דעם פוס אויפ'ן אָרט אונטען אין וואַסער, וואו עס שפּיגעלט זיך אָפּ די שיינע לְבָנָה און זעהט אויס ווי אַ געפּרעסטער אויסגעקייַעלעכדיגטער שטיק קעז.

— אוי זאָג נאָר, ווי אַרום קאָן איך אויך צוקומען דערצו? — פרעגט דער וואָלף און בעלעקט זיך.

— גאָר פָּשוּט — ענטפערט דער פוקס — מען נעהמט און מען זעצט זיך אַריין אין אויבערשטען עמער, ווערט שוין רעכט.

פאָלגט איהם דער וואָלף און לאָזט זיך אַראָפּ. און ווי ער איז אַראָפּ, אַזוי איז אַנטקעגען איהם דער פוקס אין אונטערשטען עמער אַרויף.

„עס, עס! — שרייט איהם דער פוקס אַראָפּ — זאָל דיר וואויל בעקומען!"

— וואָס עסען, ווער עסען! — שרייט דער וואָלף אַרויף, נאָכ־

דעם ווי ער האָט זיך אַרומגעזועהן, אַז ער איז דאָ מְיאוּס אַרײַנגעפאַלען — זאָג בעסער, דו פאַלשע בְּרִיאָה, ווי אַרום קריכט מען פון דאַנען אַרויס ?

„ליעג דאָרט, ליעג! — ענטפערט דער פוקס. — ווי זאָגט מען: דער געדעכטער קריכט פון אומגליק אַרויס, און דער רָשָׁע אויף זײַן אָרט אַרײַן״.

פריהלינג.

דאָס טײַבעלע וואָרקעט,
דאָס טײַבעלע רופט:
„שטעהט אויף, קינדער! ליכטיג
און פריש איז די לופט.

עס ציהען זיך, ציהען
פון הימעל און פאַלען
ווי גאָלדענע פעדים
די וואַרימע שטראַהלען.

דאָס ביהנעלע זשומעט
און זויגט אָהן אַ מאָס
די זאַפט פון די רויזען,
דעם טהוי פון די גראָז.

די פֿייגעלעך זינגען
אין וואַלד און אין טאָל;
עס הערען זיך ליעדער
אַרום אָהן אַ צאָהל.

די פֿישעלעך שווימען
אַרויף אויף די וועלען;
זיי טאַנצען אין וואַסער,
זיי שפּרינגען, זיי קוועלען.

עס בליהען די בוימער,
עס שפּראָצען די בלומען.
צו אונז איז דער פֿריהלינג,
דער פֿריהלינג געקומען!

דער שטערנבער.

I.

פֿאַרצייטען, שוין זעהר לאַנג צוריק, איז אַמאָל געוואָרען אויף דער ערד אַ גרויס טריקעניש: אַלע וואַסערן — אַלע ימים, אַלע טייכען, אַלע ברונעמס זיינען אינגאַנצען אויסגעטריקענט געוואָרען; און פֿערוועלקט זיינען געוואָרען אַלע בוימער און ביימעלעך און בלומען און גרעזער. און מענשען און חיות זיינען געשטאָרבען פֿון דורשט.

איז אַמאָל ביינאַכט פון אַ הויז אַרויסגעגאַנגען אַ מיידעלע מיט אַ קריגעל זוכען ערגעץ וואַסער פאַר איהר קראַנקער מוטער. האָט זי אָבער אין ערגעץ קיין טראָפּען וואַסער נישט געפונען. און שרעקליך מיעד איז זי שוין געווען, האָט זי זיך געלעגט אויפ'ן פעלד אינ'ם אויסגעטריקענטען גראָז און פון מיעדקייט אַנטשלאָפען געוואָרען.

דאָס מיידעלע איז לאַנג געשלאָפען, און אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי באַלד אַ כאַפּ געטהון דאָס קריגעל און שיער נישט פערגאָסען דאָס וואַסער פון איהם: אַזוי פול איז עס געווען מיט גוט קלאָר וואַסער. האָט דאָס מיידעלע זיך דערפרעהט און האָט שוין געוואָלט זיך אָנטרינקען מיט'ן פרישען וואַסער; נאָר זי האָט זיך באַלד דערמאָנט, אַז עס וועט פילייכט דערנאָך פעהלען פאַר דער מוטער. האָט זי שוין נים געטרונקען און איז אַהיים געלאָפען מיט'ן קריגעל. און זי איז אַזוי געשווינד געלאָפען, אַז זי האָט נישט בעמערקט אויפ'ן וועג אַ הינטעל ביי איהרע פיס. זי האָט זיך דערויף אָנגעשלאָגען און אַראָפּגעלאָזט דאָס קריגעל. דאָס הינטעל האָט אַ וויינענדיגען קוויטש אַרויסגעלאָזט, און דאָס מיידעלע האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קריגעל.

זי האָט געמיינט, אַז דאָס וואַסער פון קריגעל איז שוין פערגאָסען. נאָר ניין, — דאָס קריגעל איז אויף דער ערד געשטאַנען, און קיין איין טראָפּען וואַסער איז פון איהם נישט פערגאָסען געוואָרען. האָט דאָס מיידעלע אָפּגעגאָסען אַ ביסעלע וואַסער אויף דער האַנט און געגעבען דעם הינטעלע. דאָס הינטעלע האָט געלעקט און זיך געפרעהט.

II.

און דאָס מײדעלע האָט ווידער גענומען דאָס קריגעל אין האַנט, איז עס פון אַ הילצערנעם געוואָרען אַ זילבערן קריגעל.

לויפט דאָס מײדעלע אַהײם און דערלאַנגט דער מוטער דאָס קריגעל מיט וואַסער. זאָגט איהר די מוטער: „איך בין אַזוי שוואַך, מײן ליעב קינד, אַז איך וועל שוין סײ ווי מעהר ניט לעבען, נעהם דו בעסער און טרינק אַלײן“. און אין דער מינוט איז ווידער פון זילבערנעם קריגעל געוואָרען אַ גאָלדען. אָבער דאָס מײדעלע איז שוין אַזוי פּער׳חלש׳ט געוועזען פון דורשט, אַז זי האָט זיך ניט מעהר געקאָנט אײנהאַלטען און שוין געוואָלט נעהמען דאָס קריגעל צום מויל און טרינקען. נאָר פּונקט אין דער מינוט עפענט זיך די טיר און עס קומט אַרײן אַן אַלטער מאַן און בעט, מען זאָל איהם געבען אַ טרונק. האָט דאָס מײדעלע פערשטיקט אין זיך דעם דורשט און דער־לאַנגט דעם אַלטען מאַן דאָס קריגעל מיט וואַסער. און דאָ זײנען פון קריגעל פלוצלונג אַרויסגעשפּרונגען זיבען גרויסע בריל־יאַנטען, און עס האָט אַרויסגעשלאָגען אַ גאַנצער שטראָם מיט פרישׁ וואַסער.

און די בריליאַנטען האָבען זיך אויפגעהויבען אַלץ העכער און העכער ביז צום הימעל און פון זײ איז געוואָרען דער גרוי־סער „שטערען־בער“, וואָס מען זעהט בײנאַכט צווישען די שטערען אויפ׳ן הימעל.

אַ גוט האַרץ איז טײערער פאַר גאָלד.

דרײַ אײַנפאַלען.

I.

אײנער אַ ירושָלַיִמ׳ער איד, אַ לײַטישער און אַ פּער־מעגליכער מאַן, האָט אַ צײַט פערבראַכט אין דער פרעמד אויף דער פּראָווינץ. פּלוצלונג איז ער דאָרט פערשלאָפּט געוואָרען און געהאַלטען בײַם שטאַרבען. פאַר׳ן טויט רופט ער צו זיך דעם בַּעַל־אַכסַניָא, גיט איהם איבער דאָס גאַנצע געלד זײַנם און זאָגט איהם אַזוי:

— אויב מײַן זוהן, דער יורֵש, וועט אַראָפּקומען פון ירושָלַיִם אַהער נאָכ׳ן געלד, זאָלסטו עס איהם אַנדערש ניט אָפּגעבען, סײַדען ער וועט פריהער בעווײַזען פאַר דיר דרײַ קלוגע אײַנפאַלען.

געשטאָרבען — בעגראָבען.

אין אַ צײַט אַרום קומט אַראָפּ דער זוהן. און אין שטעד־טעל איז געווען אָפּגעמאַכט, אַז קײנער טאָר נישט אָנווײַזען דעם גאַסט, וואָס פרעגט זיך נאָך אויף עמיצען, וואו יענער וואוינט.

געקומען צום טויער פון דער שטאָדט, דערזעהט דער יורֵש — אײנער טראָגט זיך אַרום אין מאַרק מיט אַ בינדעל האָלץ.

— צום פערקויפען? פרעגט דער אָנגעקומענער.

— יאָ — ענטפערט דער טרעגער.

— נאַ זשע דיר לויט דעם פרײַז פאַר׳ן האָלץ און טראָג עס אַוועק צו יענעם און יענעם! — און דערבײַ האָט דער גאַסט אָנגערופען דעם נאָמען פון יענעם בַּעַל־אַכסַניָא.

געהט דער האָלצטרעגער פאָרויס און ער נאָך איהם, ביז זיי זיינען געקומען אין הויף פונ'ם הויז, וואָס ער האָט בעדאַרפט.

— עה, דער און דער! קום נעהם צו דיין בינדעל האָלץ! — רופט דער האָלצטרעגער צו יענעם בַּעַל־הַבַּיִת.

— וואָס פאַר אַ האָלץ? פרעגט יענער פערוואונדערט — ווען האָב איך דיר געהייסען ברייננגען האָלץ?

— געהייסען האָט אָט דער מאַן, וואָס געהט נאָך מיר! — זאָגט דער האָלצטרעגער.

II.

גיט אָפּ דער בַּעַל־הַבַּיִת דעם גאַסט „שָׁלוֹם" און פיהרט איהם אַריין צו זיך אין שטוב.

— ווער איז אַ יונגערמאַן? — פרעגט דער בַּעַל־הַבַּיִת.

— איך בין — ענטפערט יענער — דער זוהן פון דעם מאַן, וואָס איז ביי דיר אין שטוב געשטאָרבען.

נעהמט איהם דער בַּעַל־הַבַּיִת זעהר שעֹן אויף און מאַכט פאַר איהם אַ מאָלצייט. זעצט זיך אַרום טיש דאָס גאַנצע הויזגעזינד: דער בַּעַל־הַבַּיִת, זיין פרוי, צוויי זיהן און צוויי טעכטער. דערלאַנגט מען צום טיש פינף געבראָטענע הינדלעך. איז דער בַּעַל־הַבַּיִת מְכַבֵּד דעם גאַסט מיט טיילען.

קווינקעלט זיך דער גאַסט. שטעהט אָבער דער בַּעַל־הַבַּיִת צו איהם צו. טוט איהם דער גאַסט צוליעב און נעהמט טיילען. לעגט ער אַוועק איין הינדעל צווישען מאַן און ווייב, אַ צווייטעס — צווישען די צוויי זיהן, אַ דריטעס — צווישען די צוויי

טעכטער און די לעצטע צוויי היהנדלעך לעגט ער פאַר זיך. עסט מען און מען מאַכט זיך ניט וויסענדיג.

פאַרנאַכט ברייננט מען אַ געשטאָפּטע הוהן. שטעהט דער בעל־הבית ווידער צו צום גאַסט, ער זאָל זיין דער אויס־טיילער. טוט יענער איהם ווידער צוליעב און טיילט דאָסמאָל איין אויף אַזאַ אופן: דעם קאָפּ לעגט ער אַוועק פאַר׳ן בעל־הבית, די אינוועניגסטע — פאַר דער פרוי, די צוויי פיסלעך — פאַר די צוויי זיהן, די צוויי פליגלען — פאַר די צוויי טעכ־טער, און זיך נעהמט ער דעם גאַנצען געעפּענטען גוף.

III.

דאָ האָט שוין דער בעל־הבית זיך ניט געקאָנט איינ־האַלטען און איהם אַ פרעג געטון: „יונגערמאַן, האָט מיר קיין פאַראיבעל ניט. עפּעס אַ משונה׳ן אויסטיילען! אַזוי איז טאַקע אין אייערע מקומות דער מנהג?“

— ליעבער בעל־הבית! — האָט דער גאַסט געענט־פערט — איהר ווייסט דאָך, אַז איך האָב זיך ביידע מאָל אָפּ־געזאָגט פון אויסטיילען, ווייל אין אמת׳ן גערעדט, איז עס נישט מיין זאַך. נאָר פון דעסטוועגען געפין איך, אַז איך האָב ביידע מאָל אויסגעטיילט, ווי געהעריג. דאָס ערשטע מאָל האָט מען געבראַכט פינף היהנדלעך. איין היהנדעלע פאַר דיר און דיין פרוי — האָבען מיר אינאיינעם אַ דרייער; דיינע צוויי זיהן מיט אַ היהנדעל — ווידער אַ דרייער; דיינע צוויי טעכ־טער מיט אַ היהנדעל — אָבער־אַמאָל אַ דרייער. נו, און איך מיט צוויי היהנדלעך — אויך ניט מעהר ווי אַ דרייער. וואָס, האָב איך אפשר פערנומען אַ פרעמדען חלק? היינט מיט

דער געשטאָפּטער הוהן. דער קאָפּ קומט דיר. דו ביסט דאָך דער קאָפּ פון דער שטוב. די אינוועניגסטע — דײַן פרוי, פון איהר קומען דאָך די קינדער אַרויס. די צוויי פים — דײַנע זיהן, ווײַל זיי זײַנען די זײַלען פונ׳ם הויז. די צוויי פליגלען — דײַנע טעכטער: מאָרגען האָבען זיי חתונה למזל, הויבען זיי זיך אויף און פליהען פון דאַנען אַוועק מיט זײַערע מאַנען. איך פאַר זיך האָב גענומען דעם גוף, וואָס איז ענהליך צו אַ שיפעל: מיט אַ שיפעל בין איך אַהער געקומען און מיט אַ שיפעל פאָהר איך אַוועק. גיב זשע מיר, זיי מוחל, אָפּ דאָס געלד, וואָס מײַן פאָטער האָט ביי דיר אײַנגעלעגט און לאָז מיך אָפּ.

נאָך די דריי אײַנפאַלען פונ׳ם יורש האָט דער בעל־הבית ניט גערעדט קיין וואָרט, איהם באַלד אָפּגעגעבען זײַנס און אָפּגעלאָזט בשלום אַהיים.


אַ שטילע זומער־נאַכט.

שטיל די וואָלקענס אין דער לופטען;
פון אַ ווינטעלע קיין וועהען,
פון אַ בערגעלע קיין ווינקען,
פון דעם הימעל קיין געשטער.

פון דעם טײַכעלע קיין מורמעל,
פון אַ ביימעלע קיין שאָקעל,

פון אַ בלעטעלע קײַן שעפּטשע,
פון אַ צװײַגעלע קײַן װיג.

פון די לעמעלעך קײַן מעקען,
פון די פֿײגעלעך קײַן פּיפּטשע,
פון די פֿליגעלעך קײַן זשומען,
פון אַ װערימעל קײַן ריהר.



דערצעהלט. װאָס זעהט איהר אויפ'ן בילד.

פון חומֶש.

אָדָם און חַוָה.

I.

דער ערשטער מענש אויף דער וועלט איז געווען אָדָם. איז איהם געווען אומעטיג. האָט גאָט איהם אײַנגעשלעפערט, און אין שלאָף האָט ער בײַ איהם אַ ריפּ פון לײַב אַרויס־גענומען און געמאַכט פון איהר אַ פרוי פאַר אָדָם׳ען. און אָדָם׳ס זײַט האָט ער פערהײַלט.

איז אָדָם אויפגעשטאַנען און האָט דערזעהן די פרוי נע־בען זיך. האָט ער זיך זעהר דערפרעהט. און ער האָט איהר אַ נאָמען געגעבען חַוָה.

געוואוינט האָבען אָדָם און חַוָה אין גַן־עֵדֶן. דאָרט־טען איז געווען ליכטיג און וואַרים. די שענסטע בוימער און פרוכטען פון גאַר דער וועלט האָבען דאָרט געוואַקסען. און די ערד האָט אַרויסגעגעבען ברויט אָהן קײן אַרבײַט.

אין גַן־עֵדֶן זײנען אויך געווען צוויי מאָדנע בוימער. איין בוים—דער עֵץ־הַחַיִים—דער „לעבען־בוים״; אַז מען האָט פון איהם געגעסען, האָט מען אײביג געלעבט. און דער אַנדערער — דער עֵץ־הַדַעַת — דער „וויסען־בוים״; אַז מען האָט פון איהם געגעסען, איז מען קלוג געוואָרען און מען האָט געוואוסט, וואָס גוט איז און וואָס שלעכט.

האָט גאָט געזאָגט אָדָם׳ען מיט חַוָה׳ן: פון אַלע בוי־מער אין גאָרטען מעגט איהר עסען; נאָר פון׳ם עֵץ־הַדַעַת זאָלט איהר ניט עסען.

און אָדָם מיט חַוָה׳ן זײַנען אַרומגעגאַנגען אין גַן־עֵדן הוילע און זײ האָבען זיך ניט געשעמט.

II.

און אין גַן־עֵדן איז צווישען אַנדערע חַיוֹת אויך גע־ווען די שלאַנג. איז זי געווען זעהר קלוג און פאַלש. האָט זי אײַנגערעדט חַוָה׳ן צו עסען פון די פרוכט פונ׳ם עֵץ־הַדַעַת. האָט חַוָה געגעסען און האָט אויך אָדָמ׳ען געגעבען, און ער האָט געגעסען.

זײַנען זײ גלײַך קלוג געוואָרען און זײ האָבען פערשטאַ־נען, אַז זײ זײַנען נאַקעט. האָבען זײ צונויפגענײַהט בלעטער און געמאַכט זיך גאַרטלען.

נאָר באַלד האָט אָדָם דערהערט גאָטס שטימע:

— אָדָם, אָדָם! וואָס האָסטו דאָס געטון? דערפאַר וואָס דו האָסט מיך נישט געפאָלגט און געגעסען פון דעם עֵץ־הַדַעַת, זאָלסטו שווער דאַרפען אַרבײַטען און מיט׳ן שווײס פון געזיכט ברויט עסען.

און די שלאַנג האָט גאָט פערשאָלטען און געזאָגט:

— זאָלסט דײַנע פיס פערלירען, אויפ׳ן בויך אומקריכען און שטויב עסען דײַן גאַנץ לעבען.

און פון דאַמאָלסט אָן האָט דער מענש פײַנט די שלאַנג און די שלאַנג דעם מענשען.

און אָדָמ׳ען מיט חַוָה׳ן האָט גאָט אַרויסגעטריבען פון גַן־עֵדן. און בײַם טויער האָט ער אַוועקגעשטעלט צוויי מַלְאָכִים מיט שווערדען אין די הענט, כְּדֵי זײ צוריק ניט אַרײַנלאָזען.

דער ערשטער זון־אונטערגאַנג.

ווען אָדָם האָט דערזעהן דאָס ערשטע מאָל, ווי די זון געהט אונטער, איז אויף איהם אַ שרעק אָנגעפאַלען.

— וועה איז מיר — האָט ער געזאָגט — ס׳ווערט פינסטער, די וועלט געהט אונטער. אָט דאָס קומט אויף מיר דער טויט — אַ שטראָף פאַר מײַן זינד.

אַז עס האָט ווידער אָנגעהויבען שײַנען אויף טאָג, האָט אָדָם זיך בערוהיגט און געזאָגט: „אַזוי, ווײַזט אויס, פיהרט זיך די וועלט: טאָג מיט נאַכט בײַטען זיך".

די קורצע טעג.

ווען אָדָם הָרִאשׁוֹן האָט בעמערקט, אַז די טעג ווער־רען וואָס ווײַטער אַלץ קירצער, איז אויף איהם ווידער, ווי בײַ דעם ערשטען זון־אונטערגאַנג, אַ טויט־שרעק אָנגעפאַלען.

— וועה איז מיר! — האָט ער אויסגעשריען — עס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט אַ פינסטערניש, די וועלט האַלט אין אונטערגעהן! אָט דאָס איז דער טויט, וואָס איז אויף מיר בעשטימט געוואָרען פאַר מײַן זינד.

אַכט טעג דורכאַנאַנד האָט ער פערבראַכט אין פאַסטען און גאָט בעטען.

נאָך תְּקוּפַת טֵבֵת *) האָט אָדָם אָבער בעמערקט ווי די טעג ווערען צוריק וואָס ווײַטער אַלץ לענגער.

*) תְּקוּפַת טֵבֵת — דער קירצעסטער טאָג אין יאָהר.

— עס זעהט אויס — האָט ער געזאָגט — אַז די וועלט פיהרט זיך אַזוי: לאַנגע טעג מיט קורצע בייטען זיך.

און פאַר פרייד האָט ער געמאַכט אַכט טעג יום־טוב.

קַיִן און הֶבֶל.

I.

חַוָה האָט געבאָרען צוויי זיהן: קַיִן און הֶבֶל. האָט קַיִן געאַרבייט די ערד און הֶבֶל האָט געפיטערט שאָף.

איינמאָל האָט הֶבֶל געבראַכט פאַר גאָט אַ מַתָּנָה פון זיינע פעטסטע שאָף. און קַיִן האָט אויך געבראַכט אַ מַתָּנָה פון די פרוכטען פון דער ערד. האָט גאָט הֶבֶל'ס מַתָּנָה צוגענומען און קַיִנ'ס — ניט.


האָט דאָס קַיִנ'ען שטאַרק פערדראָסען. און איינמאָל, ווען ביידע ברידער זיינען געווען אין פעלד, איז קַיִן אויפגעשטאַנען און דער'הַרג'עט הֶבֶל'ן.

איז גאָטס שטימע געקומען און געפרעגט קַיִנ'ען: „קַיִן, וואו איז דיין ברודער?"

ענטפערט קַיִן: „איך ווייס נישט, בין איך דען מיין ברודערס שׁוֹמֵר?"

האָט גאָט געזאָגט: „דיין ברודערס בלוט שרייט דאָך צו מיר פון דער ערד. די ערד וואָס האָט איינגעזויגט דיין ברודערס בלוט זאָל דערפאַר זיין פערשאָלטען: ווען דו וועסט זי בעאַרבייטען, זאָל זי דיר אַרויסברייננגען ניט תְּבוּאָה, נאָר

דערנער. און דו זאָלסט זײַן פערוואָגעלט; אַרומוואַנדלען זאָלסטו אויף דער ערד און אין ערגעץ קײַן רוה ניט געפינען״.



און כּדי יעדערער, וואָס וועט קַיִנ׳ען טרעפען, זאָל איהם נישט טויטען, האָט גאָט איהם געמאַכט אַזאַ צייכען אויפ׳ן שטערען.

II.

אַז אָדָם מיט חַוָה׳ן האָבען געפונען הֶבֶל׳ס טויטען קערפער, האָבען זיי איהם בעוויינט און בעקלאָגט. נאָר זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס צו טון מיט דעם טויטען קערפער.

פלוצלונג דערזעהען זיי — עס קומט צופליהען אַ ראָב און

האַלט אין שנאָבעל נאָך אַ ראָב, אַ טויטען. דער לעבעדי־
גער ראָב לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער ערד, גראָבט אויס אַ
גריבעל, בעהאַלט דאָרט זיין טויטען חבר און פערשיט איהם
מיט ערד.

האָבען אָדם און חוה פערשטאַנען, אַז די טויטע גע־
הערען צו דער ערד. האָבען זיי אויסגעגראָבען אַ קבר און
מקבר געווען אין איהם הבל'ן.

דער מבול.

עס זיינען אויף דער וועלט שוין פיעל מענשען געווען.
זיינען זיי אָבער זעהר שלעכט געווען. נאָר איינער איז פון
זיי געווען אַ בעסערער — דאָס איז געווען נח.

האָט גאָט געזאָגט נח'ן: „די מענשען זיינען שלעכט,
איך וועל זיי אַלעמען פערדאַרבען. איך וועל ברייגנען אַ מבול
וואַסער אויף דער ערד. נאָר דיך מיט דיין הויזגעזינד וועל
איך לאָזען לעבען, ווייל דו ביסט אַ בעסערער פון אַלעמען.
מאַך אויף אַ גרויסע קאַסטען, דריי שטאָק די הויך, נעהם אַהין
אַריין דיין הויזגעזינד און פון אַלע חיות און עופות צו פּאָר;
און עסענוואַרג אַלערליי — פאַר זיך און פאַר זיי. און אַז עס
וועט קומען דער מבול, וועסטו אומשווימען אויפ'ן וואַסער".

האָט נח געפאָלגט, און געמאַכט אַזאַ קאַסטען, און אויס־
געשמירט זי מיט פּעך, דאָס וואַסער זאָל ניט אַריינרינען אין
איהר. און ער האָט אַריינגענומען אַהין זיין הויזגעזינד: זיין

ווײַב און זײַנע דרײַ זיהן — שֵׁם, חָם און יֶפֶת מיט זײַערע ווײַבער; און פון אַלע חַיוֹת און פויגעל האָט ער אַרײַנגענומען צו פּאָר. און ער האָט די קאַסטען פערשלאָסען.

דאַמאָלסט האָט גאָט אויפגעעפענט די פענסטער פון הימעל, און עס האָט אַ גאָס געטון אַ שלאַקס רעגען. און עס האָט געגאָסען פערציג טעג און פערציג נעכט, ביז דאָס וואַסער האָט פערפלייצט די ערד און צוגעדעקט אַלע הויכע בערג. און אַלע לעבעדיגע בעשעפענישען — די מענשען, די חַיוֹת און די פויגעל זײַנען דערטרונקען געוואָרען. און נֹחַ'ס קאַסטען איז אומגעשוואומען אויף די וואַסערן.

דערנאָך האָט זיך גאָט דערמאָנט אָן נֹחַ'ן. האָט ער פערשטאָפּט די קוואַלען פון אָפּגרונד און די פענסטער פון הימעל. און דער רעגען האָט אויפגעהערט. און דאָס וואַסער איז אַלץ קלענער געוואָרען, ביז די קאַסטען האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די בערג אֲרָרָט.

האָט נֹחַ אויפגעעפענט אַ פענסטער פון דער קאַסטען און אַרויסגעשיקט דעם ראָב — זעהן, וואו האַלט דאָס מיט'ן וואַסער. איז דער ראָב באַלד צוריקגעקומען.

אין זיבען טעג אַרום האָט נֹחַ אַרויסגעשיקט די טויב. איז זי געקומען אין אָוונט צוריק מיט אַן אײלבערט־בלאַט אין מויל. האָט נֹחַ פערשטאַנען, אַז דאָס וואַסער איז קלענער געוואָרען. אין זיבען טעג אַרום האָט ער די טויב ווידער אַרויסגעשיקט, איז זי שוין מעהר ניט צוריקגעקומען.

דאַמאָלסט האָט נֹחַ געעפענט די קאַסטען און דערזעהן, אַז אַרום איז שוין טרוקען. איז ער אַרויס פון קאַסטען מיט

זײַן הויזגעזינד און אַרויסגעלאָזען אויך אַלע חַיוֹת און פויגעל
זיי זאָלען זיך מעהרען און בעלעבען די ערד.

און נֹחַ האָט געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט איהם פונ'ם מַבּוּל מַצִּיל געווען. און גאָט האָט געשוואָרען — מעהר שוין קיין פערפלייצונג ניט צו ברייִנגען אויף דער וועלט. און אַלס צייכען, אַז עס וועט מעהר קיין מַבּוּל ניט זיין, האָט גאָט געלאָזט בעווייזען זיך אין וואָלקען דעם רעגענבויגען.

אַבְרָהָמ'ס געבורט.

אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ איז געבאָרען געוואָרען, האָבען די שטערנזעהער דערזעהען, ווי אַ ליכטיגער שטערן געהט אויף אין מִזְרַח זייט און שלינגט איין אַלע שטערען. זיינען זיי געקומען צו נִמְרוֹד'ן, וועלכער איז דאַמאָלסט אַ קֵיסָר געווען, און האָבען איהם געזאָגט:

— הײַנט איז ביים אַלטען תֶּרַח'ן געבאָרען געוואָרען אַ זוהן, וואָס וועט אַלע אונזערע געטער צוברעכען.

אויף מאָרגען שיקט נִמְרוֹד צו תֶּרַח'ן: נעכטען ביי־נאַכט איז ביי דיר אַ זוהן געבאָרען געוואָרען; גיב מיר איהם אַרויס, איך וועל איהם טויטען. דערפאַר וועל איך דיר אַ פולע שטוב מיט גאָלד און זילבער אָנשיטען.

ענטפערט תֶּרַח צו די שְׁלוּחִים אַזוי: — נעכטען האָט איינער צו מיין פערד געזאָגט: „לאָז זיך דעם קאָפּ אָפּשניידען, בעקומסטו דערפאַר צעהן מעסטלעך גערשטען".

„אַן איינפאַל אַביסעל!—האָט איהם אויף דעם געענטפערט דאָס פערד, — אָהן אַ קאָפּ, נאַר איינער, צו וואָס טויג מיר איינגאַנצען די גערשטען?"

— אָהן אַ יוֹרֵשׁ—צו וואָס טויג דעם אלטען תֶּרַח׳ן דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער!?

נעהמט תֶּרַח און בעהאַלט דאָס קינד אין אַ הייל.

און אַז אַבְרָהָם איז אַלט געוואָרען דריי יאָהר, איז ער אַרויס פון דער הייל, און וועלכער זיין פאָטער תֶּרַח האָט איהם פערבאָרגען.

ווי ער האָט צום ערשטען מאָל דערזעהן די זון, האָט ער געטראַכט ביי זיך: „אַ פָּנִים, דאָס איז דער גאָט, וואָס האָט בעשאַפען הימעל און ערד און מיך".

האָט ער אַ גאַנצען טאָג תְּפִלָּה געטון צו דער זון. אין אָוועגט זעהט ער, ווי די זון געהט אונטער. זאָגט ער צו זיך: „דאָס איז ניט קיין גאָט". ביינאַכט זעהט ער די לְבָנָה מיט די שטערען און טראַכט: „אֶפְשֶׁר איז די לְבָנָה דער אויבערהאַר פון גאָר דער וועלט און די שטערען זיינען איהרע דיענער?" האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געבעטען צו דער לְבָנָה.

אויף מאָרגען זעהט ער ווי די לְבָנָה מיט די שטערען זיינען אויך פערגאַנגען. הויבט ער אויף די הענט צום הימעל און זאָגט: „ניין, ניט די זיינען די בעשעפער פון דער וועלט. איין גאָט איז דאָ אין הימעל, אַן אויבערהאַר איבער זיי אַלע. איהם וועל איך בעטען און איהם וועל איך דיענען".

תֶּרַח׳ס געטער.

דער אַלטער תֶּרַח פלעגט מאַכען געטער און האַנדלען מיט זיי; און אַבְרָהָמ׳ען האָט ער געמאַכט פאר א גַלַח צו די געטער.

— וואָס האָט אַ גַלַח צו טון? — פרעגט אַבְרָהָם.

— אַ גַלַח דאַרף דערלאַנגען די געטער עסען און טרינ־קען און זיי בעדיענען — ענטפערט איהם תֶּרַח.

און אַבְרָהָם איז געוואָרען אַ גַלַח.

קומט אַ פרוי און ברייננט אַ ביסעל זעמעלמעהל, אַ קָרְבָּן פאַר די געטער.

נעהמט אַבְרָהָם צו דעם קָרְבָּן און שטעלט איהם אַוועק אין מיטען קאַמער. דערנאָך נעהמט ער אַ גרויסען שטעקען, צור־ברעכט מיט איהם אַלע געטער און לאָזט נאָר איבער איי־נעם, דעם גרעסטען, און שטעלט איהם אַריין דעם שטעקען אין האַנט.

ווען דער אַלטער תֶּרַח איז געקומען און דערזעהען דעם חורבן, צושרייט ער זיך אויף אַבְרָהָמ׳ען און פרעגט איהם מיט צאָרן:

— וואָס איז דאָ געשעהען? ווער האָט דאָס צובראָכען אַלע מיינע געטער?

ענטפערט איהם אַבְרָהָם קאַלטבלוטיג:

— טאַטע! איך וועל דיר ניט לייקענען. אַ פרוי האָט געבראַכט אַ שיסעל זעמעלמעהל, און איך האָב זיך געפוילט צוטראָגען יעדען גאָט בעזונדער. שטעל איך דעם קָרְבָּן אַוועק

אין מיטען צימער און זאָג צו די געטער: „נעהמט אײַך און עסט, און זאָל אײַך וואויל בעקומען“. האָבען זײ זיך אָנגעהויבען צו קריגען. דער זאָגט: „איך וועל עסען פריהער“. און דער זאָגט: „איך וועל פריהער“. איז אָט דער גרויסער אַרײַן אין רציחה, געכאַפּט אַ שטעקען און זײ אַלעמען צובראָכען.

צובײזערט זיך תּרח נאָך שטאַרקער:

— וואָס לײַגסטו, שײַגעץ אײנער! פון וועמען מאַכסטו דאָס חוזק? זײַנען זײ דען דאָס בכּח?

— וואָס, נײן? — ענטפערט אַבְרָהָם — טאָ הער זשע, טאַטע, אַלײן, וואָס דו רעדסט. ווי באַלד זײ קאָנען גאָר נישט טון, הײַנט וואָס פאַר אַ געטער זײַנען זײ?

אַבְרָהָם אין כּנַעַן.

אײנמאָל האָט אַבְרָהָם גענומען זײַן ווײַב שָׂרָה און זײַן ברודערס זוהן לוֹט און זײַן גאַנצען פערמעגען און איז אַוועקגעגאַנגען אין דאָס לאַנד כּנַעַן. אַבְרָהָם האָט געהאַט פיעל שאָף און רינדער און לוֹט האָט אויך פיעל געהאַט. פלעגען אַבְרָהָם׳ס פאַסטוכער מיט לוֹט׳ס פאַסטוכער זיך אָפט קריגען פאַר פיטערפּלעצער. האָט אַבְרָהָם געזאָגט צו לוֹט׳ן:

— לאָמיר זיך ניט קריגען; מיר זײַנען דאָך אײגענע ברי־דער. דאָס גאַנצע לאַנד איז פאַר דיר. קלײַב אויס. ווילסטו—

גײה לינקס, װעל איך גײן רעכטס. אין װילסטו — גײ רעכטס, װעל איך גײן לינקס.

איז לוט אַװעקגעגאַנגען אין טאָל פון ירדן, װעלכער איז דאַמאָלסט געװען זײער פרוכטבאַר, און זיך בעזעצט אין דער שטאָדט סדום. אוז אַבְרָהָם האָט זיך בעזעצט אין חֶברוֹן.

אַבְרָהָם איז געװען זײער רײַך, נאָר זײַן װײַב שָׂרָה האָט איהם קײַן קינדער ניט געבאָרען. אײנמאָל, אין אַ הײס־סען טאָג, איז אַבְרָהָם געזעסען בײַ דער טיר פון זײַן געצעלט. דערזעהט ער — דרײַ מענשען שטעהען פון װײַטען. און אַבְרָהָם איז געװען אַ גרויסער מַכְנִיס־אוֹרַח. איז ער געלאָפען אַנטקעגען זײ און פערבעטען זײ צו זיך און גע־מאַכט פאַר זײ אַ מאָלצײַט.

פרעגט אײנער פון די געסט בײַ אַבְרָהָם'ען:

— װאו איז דײַן װײַב שָׂרָה?

ענטפערט אַבְרָהָם:

— זי איז אין געצעלט.

זאָגט דער גאַסט.

— אין אַ יאָהר אַרום װעל איך נאָך אַמאָל זײַן בײַ דיר: װעט דיר צו יענער צײַט דײַן װײַב שָׂרָה אַ זוהן געבאָרען.

און שָׂרָה האָט אונטערגעהערט אונטער'ן טיר, װאָס דער גאַסט האָט געזאָגט, און זי האָט געלאַכט. זי האָט גע־טראַכט: איך בין אַלט נײַנציג יאָהר, און אַבְרָהָם — שוין באַלד הונדערט. קאָן איך נאָך געבאָרען קינדער?

נאָך אין אַ יאָהר אַרום האָט שָׂרָה טאַקע געבאָרען אַ זוהן, און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען: יִצְחָק.

סדום.

די מענשען פון סדום זיינען פאַר גרויס וואוילטאָג געװען שלעכטע און זינדיגע. קיינמאָל האָבען זיי ניט געוואוסט פון מיה און פון זאָרג. דאָס לאַנד זייערס איז געבענשט געװען מיט אַלעם גוטען: רייכע תבואות אויף די פעלדער, גאָלד און זילבער בשפע*), דימענטען און בריליאַנטען אָהן אַ צאָהל, – האָבען זיי פערגעסען אָן רעכט און יושר און האָבען פערביטען די גערעכטע געזעצען אויף שלעכטע און ווילדע.

אַז איינער האָט, למשל, אָפּגעהאַקט אַן אויער ביי אַ פרעמדען איזעל, האָט מען איהם דעם גאַנצען איזעל אַװעקגעגעבען, ביז דער אויער װעט װידער אָפּװאַקסען.

װען איינער פלעגט קומען אין געריכט און בעקלאָגען זיך אויף'ן צווייטען, אַז יענער האָט איהם צובלוטיגט, האָט מען איהם געזאָגט: „צו רפואה! יענער האָט דיר געלאָזען בלוט, בעצאָהל איהם דערפאַר פיער גילדען!"

דער װאָס האָט פערמאָגט אַן אָקס, האָט געדאַרפט פיטערן די רינדער פון גאַנץ שטאָדט איין טאָג, און דער װאָס האָט קיין אייגענעם אָקס גאָר ניט געהאַט, האָט געדאַרפט פיטערן צוויי טעג.

---

*) זעהר פיעל.

אַ בריק איז דאָרטען געווען.

דער וואָס איז אַריבערגעגאַנגען די בריק, האָט געדאַרפט בעצאָהלען פיער גילדען בריק־געלד; און דער וואָס האָט אויס־געמײַדט די בריק און אַריבער דעם טײַך אין וואַסער, האָט געמוזט בעצאָהלען אַכט גילדען.

אֶלִיעֶזֶר אין סדום.

אֶלִיעֶזֶר, אַבְרָהָם׳ס קנעכט, איז אַמאָל געקומען קײַן סדום. האָט מען איהם געשלאָגען און אַוועקגעפיהרט צום ריכטער. זאָגט דער ריכטער:

— בעצאָהל פאַר בלוט לאָזען.

נעהמט אֶלִיעֶזֶר אַ שטײַן און צובלוטיגט מיט איהם דעם ריכטער און זאָגט:

— די פיער גילדען, וואָס קומען מיר איצט פון דיר, בעצאָהל איהם פאַר מיר; און מײַנע פאָר גראָשען בלײַבען בײַ מיר אין בײַטעל.

נאָך אַ מִנְהָג איז בײַ זײ געווען: ווער עס האָט פערבעטען אַ פרעמדען גאַסט צום טיש, האָט מען בײַ איהם צו־גענומען דעם מאַנטעל, כְּדֵי יעדערער זאָל מוֹרָא האָבען און ניט אײַנלאַדען קײַן פרעמדע געסט.

אײַנמאָל קומט אֶלִיעֶזֶר אַרײַן צו זײ אין גאַסטהויז. טרעפט ער די סדום־לײַט זיצען בײַם מאָלצײַט, און קײַנער בעט איהם ניט עסען. זעצט ער זיך אַלײן בײַם עק טיש און זאָגט צו זײַן שָׁכֵן:

— אַז מען וועט מיך פרעגען, וועל איך זאָגען, אַז דו האָסט מיך איינגעלאַדען.

ווי יענער האָט דאָס דערהערט האָט ער זיך דערשראָ־קען, מען זאָל ביי איהם דערפאַר דעם מאַנטעל ניט צו־נעהמען. שטעהט ער אויף פון טיש, כאַפּט דעם מאַנטעל און אַנטלויפט. אַזוי האָט אֶלִיעֶזֶר אָפּגעטון אויך דעם צווייטען און דעם דריטען און אַזוי ווייטער, ביז זיי זיינען זיך אַלע צולאָפען און די גאַנצע סְעוּדָה איז געבליבען פאַר איהם איינעם.

אַ בעטעל איז געוועזען אין סדום פון געסט וועגען. איז דער גאַסט געווען צו לאַנג, האָט מען איהם אונטערגעהאַקט די פיס, איז ער געווען צו קורץ, האָט מען איהם אויסגע־צויגען.

איינמאָל קומט אַהין אֶלִיעֶזֶר, און מען ווייזט איהם אָן דאָס סדום־בעטעל, ער זאָל זיך דאָרטען לעגען שלאָפען. ענטפערט ער: זינט מיין מוטער איז געשטאָרבען, האָב איך אַ נֶדֶר געטון איך זאָל קיינמאָל אויף אַ בעט ניט שלאָפען.

און פאַר אַזוינע מַעֲשִׂים פון די סדום־לייט איז גאָט אויף זיי אין כַּעַס געוואָרען, און ער האָט איבערגעקעהרט סדום. און עס איז פון איהר און פון איהרע איינוואוינער קיין זֵכֶר ניט געבליבען.

אֶלִיעֶזֶר און רִבְקָה.

אויף דער עלטער האָט אַבְרָהָם גערופֿען זײַן הויז־דיע־נער אֶלִיעֶזֶר און האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

— שווער מיר, אַז דו וועסט נישט נעהמען אַ ווײַב פֿאַר מײַן זוהן פֿון די היגע כְּנַעַנִ׳ישע טעכטער, נאָר פֿון מײַן געבורט־לאַנד, פֿון אֲרַם־נַהֲרַיִם.

האָט איהם אֶלִיעֶזֶר דערויף צוגעשוואָרען.

האָט אֶלִיעֶזֶר מיטגענומען צעהן קעמלען און אַ סַך מַתָּנוֹת און איז געגאַנגען אין אֲרַם־נַהֲרַיִם, אין דער שטאָדט נָחוֹר. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער דער שטאָדט, נעבען דעם ברונעם, און האָט בײַ זיך אַזוי געטראַכט:

יענע מײדעל, וואָס וועט אַרויסקומען צום ברונעם, און איך וועל איהר זאָגען: „גיב מיר אַ טרונק וואַסער״,—וועט זי מיר געבען טרינקען און אויך מײַנע קעמלען—יענע מײדעל איז ווערט צו זײַן אַ ווײַב פֿאַר מײַן האַר יִצְחָק׳ן.


ווי ער רעדט אַזוי צו זיך, קומט אַרויס צום ברונעם רִבְקָה, אַבְרָהָמ׳ס ברודערס אַן אײניקעל, אַ שענע יונגע מײ־דעל. מיט אַ קרוג אויפֿ׳ן אַקסעל איז זי צוגעגאַנגען צום ברו־נעם—וואַסער שעפּען. זאָגט צו איהר אֶלִיעֶזֶר:

— מײדעל, איך בין דורשטיג, גיב מיר אַ טרונק וואַסער פֿון דײַן קרוג.

זאָגט די מײדעל: „טרינק געזונטערהייט״, און האָט איהם דערלאַנגט דעם קרוג. דערנאָך האָט זי נאָכאַמאָל אָנ־געשעפּט און געזאָגט צו אֶלִיעֶזֶר׳ן:

— אֶפְשֶׁר זײַנען דײַנע קעמלען אויך דורשטיג, וועל איך זײ אָנטרינקען.

נעהמט אֱלִיעֶזֶר אַרויס אַ האַלזבאַנד און שענקט איהר און פרעגט בײַ איהר:



— וועמעס טאָכטער ביסטו, מײַן קינד? אֶפְשֶׁר איז בײַ דײַן טאַטען פאַרהאַן אַן אָרט אויף איבערצונעכטיגען פאַר אונז?

זאָגט זי: „איך בין בְּתוּאֵל׳ס טאָכטער, און בְּתוּאֵל איז אַ זוהן פון נָחוֹר, אַבְרָהָם׳ס ברודער. בײַ אונז אין דערהײם איז דאָ פיעל אָרט, און פוטער איז אויך דאָ פאַר די בְּהֵמוֹת. קום מיט מיר, וועסטו נעכטיגען בײַ אונז.

איז אֶלִיעֶזֶר מיט איהר געגאַנגגען צו איהרע עלטערן און זיי דערצעהלט, צוליעב וואָס ער איז געקומען. און ער האָט געבעטען, מען זאָל איהם געבען רִבְקָה'ן פאַר אַ כַּלָה פאַר זיין הארם זוהן יִצְחָק'ן.

האָט מען געפרעגט רִבְקָה'ן, אויב זי וויל זיין אַ כַּלָה פאַר יִצְחָק'ן; האָט זי געענטפערט: „יאָ".

האָט זיך רִבְקָה אָפּגעזעגענט מיט איהרע עלטערן און מיט איהרע חַבֶר'טאָרינס; דערנאָך האָט אֶלִיעֶזֶר זי אַרויפגעזעצט אויף אַ קעמעל און אָפּגעפיהרט צו אַבְרָהָמ'ען.

און יִצְחָק האָט זי זעהר ליעב געקראָגען און מיט איהר חַתוּנָה געהאַט.

יַעֲקֹב און עֵשָׂו.

רִבְקָה האָט לאַנג קיין קינדער נישט געהאַט. דערנאָך האָט זי געבאָרען אַ צווילינג, צוויי זיהן. דער בְּכוֹר האָט געהייסען עֵשָׂו; ער איז געווען אַ רויטער און אינגאַנצען בע־וואַקסען מיט האָר. און דער אינגערער האָט געהייסען יַעֲקֹב.

אַז די זיהן זיינען אויפגעוואַקסען, האָט יַעֲקֹב געפּיטערט שאָף, און עֵשָׂו איז געגאַנגען אין פעלד אַריין חַיוֹת פאַנגען. יִצְחָק האָט ליעב בעקומען דעם בְּכוֹר — עֵשָׂו'ן, און רִבְקָה — דעם גוטען יַעֲקֹב'ן.

אַמאָל, ווען אַבְרָהָם איז געשטאָרבען, האָט יַעֲקֹב אָפּגעקאָכט אַ טרויער־מַאֲכָל — אַ טאָפּ רויטע קיילעכדיגע

לינזען. און עֵשָׂו איז געקומען אַהיים אַ מידער פון אַ גאַנ־צען טאָג אַרומלויפען איבערן פעלד נאָך די פַאנג־חַיוֹת. זאָגט ער צו יַעֲקֹב׳ן:

— גיב מיר פון דעם דאָזיגען רויטען געקעכטס, וואָס דו האָסט!

זאָגט צו איהם יַעֲקֹב: „פערקויף מיר די בְּכוֹרָה, וועל איך דיר אַוועקגעבען דערפאַר דעם גאַנצען טאָפּ“.

זאָגט עֵשָׂו: „אויף וואָס דאַרף איך האָבען די בְּכוֹרָה, נעהם דיר זי און גיב מיר די לינזען“.

האָט עֵשָׂו פערקויפט יַעֲקֹב׳ן די בְּכוֹרָה פאַר אַ טאָפּ לינזען.

יִצְחָק׳ס בְּרָכָה.

יִצְחָק האָט געהאַט פיעל שאָף און רינדער, און זיינע פאַסטוכער האָבען נעפיטערט די הערטען אויף די לאָנקעס אַרום בְּאֵר־שֶׁבַע, אין דָרוֹם פון דעם לאַנד כְּנַעַן. און יִצְחָק האָט אויך פערזייהט גרויסע פעלדער מיט גערשטען און האָט פון זיי אַראָפּגענומען הונדערט מאָל אַזוי פיעל, ווי־פיעל ער האָט פערזייהט.

אויף דער עלטער איז יִצְחָק בלינד געוואָרען. האָט ער גערופען זיין עלטערען זוהן עֵשָׂו׳ן און געזאָגט צו איהם:

— מיין זוהן, איך בין שוין אַלט; ווער ווייס, אֶפְשֶׁר וועל איך שוין באַלד שטאַרבען. נעהם דיין פייל און בויגען, געה אין פעלד אַרויס און פאַנג מיר אַ חַיָה׳לע און מאַך מיר אַ

געשמאַק געריכט. און אַז איך וועל עסען און עס וועט מיר שמעקען, וועל איך דיך בענשען, מיין זוהן, פאַר מיין טויט.

האָט דאָס רִבְקָה אונטערגעהערט הינטער דער טיר. און ווען עֵשָׂו איז אַוועקגעגאַנגען אין פעלד, האָט זי גערופען יַעֲקֹב׳ן און געזאָגט:

— איך האָב געהערט, מיין זוהן, אַז דיין פאָטער האָט געהייסען עֵשָׂו׳ן מאַכען איהם אַ שׁעֶן געריכט, און ער האָט צוגעזאָגט צו בענשען איהם דערפאַר. איצט גֶעה אין שטאַל אַריין, נעהם פון דאָרט אַ ציגעלע אַרויס, ברייניג עס צו מיר, וועל איך פאַר׳ן טאַטען אַ געריכט צוגרייטען, אַזוי ווי עס שמעקט איהם. און דו גֶעה אַריין צום טאַטען און דערלאַנג איהם דאָס געריכט. וועט ער עסען און דיך בענשען פאַר׳ן טויט.

זאָגט יַעֲקֹב: „עֵשָׂו איז דאָך אַ האָריגער. וועט דאָך מיך דער טאַטע דערקענען, און ער וועט מיך נאָך שילטען און ניט בענשען״.

זאָגט רִבְקָה: „וואָס אַרט דיך, פאָלג מיך״.

האָט רִבְקָה צוגעגרייט אַ געשמאַק געריכט און אָנגעטון יַעֲקֹב׳ן אויף די הענט און אויפ׳ן האַלז די ציגענע פעלכעליך, דער טאַטע זאָל איהם ניט דערקענען.


איז יַעֲקֹב אַריין מיט דעם געריכט צום פאָטער און האָט געזאָגט:

— זיי אַזוי גוט, פאָטער! שטֶעה אויף און עס פון מיין געריכט, וואָס איך האָב דיר געבראַכט, און בענש מיך.

פרעגט יִצְחָק: „ווער ביסטו?״

זאָגט יַעֲקֹב: „איך בין עֵשָׂו דיין עלטערער זוהן".

זאָגט יִצְחָק: „קום נאָר אַהער צו מיר, מיין קינד! לאָז מיך נאָר אָנטאַפּען דיך, זעהן, אויב מיט אַן אֶמֶת ביסטו עֵשָׂו".



איז יַעֲקֹב צוגעגאנגען. האָט יִצְחָק איהם אָנגעטאַפּט די הענט און געזאָגט: „הענט האָסטו, ווי עֵשָׂו'ס, און דער קול דיינער איז, ווי יַעֲקֹב'ס. ברייננ מיר, מיין קינד, דאָס עסען".

האָט יַעֲקֹב דערלאַנגט איהם די שפּייז, און עס האָט יִצְחָק'ן זעהר געשמעקט.

האָט יִצְחָק אַרויפגעלעגט זײַן האַנט אויף יַעֲקֹב׳ם קאָפּ און האָט איהם געבענשט:

גאָט זאָל דיר געבען טוי פון הימעל,
און די ערד זאָל דיר פעט זײַן,
זאָלסט האָבען פיעל תְּבוּאָה און ווײַן.
פעלקער זאָלען דיך דיענען,
לענדער זאָלען דיר אונטערטעניג זײַן.
זאָלסט זײַן אַ האַר איבער דײַן ברודער,
און דײַן מוטערס קינדער זאָלען זיך צו דיר בוקען.
וועמען דו וועסט שעלטען, זאָל זײַן געשאָלטען,
און וועמען דו וועסט בענשען, זאָל זײַן געבענשט.

נאָך דער בְּרָכָה איז יַעֲקֹב אַרויסגעגאַנגען; און ווי נאָר יַעֲקֹב איז אַרויס, איז עֵשָׂו אַרײַנגעקומען און געזאָגט:

— שטעה אויף, טאַטע, עס און בענש מיך!

האָט יִצְחָק דערשראָקען געפרעגט: „ווער ביסטו?"

האָט עֵשָׂו געזאָגט: „איך בין עֵשָׂו דײַן בְּכוֹר".

זאָגט יִצְחָק: „אָבער אָט ערשט איז דאָ אײנער געוועזען און געבראַכט מיר עסען, און איך האָב איהם געבענשט און איהם אַלע בְּרָכוֹת אַוועקגעגעבען. דאָס איז דײַן ברודער געוועזען, און אויסגענאַרט בײַ מיר דײַן בְּרָכָה. נאָר זאָל ער זײַן געבענשט".

איז עֵשָׂו פול מיט צאָרן געוואָרען און האָט געשוואָרען צו פְּטוֹר ווערען פון יַעֲקֹב׳ן.

יַעֲקֹב בײַ לָבָנ׳ען.

ווען רִבְקָה האָט דערהערט, אַז עֵשָׂו האָט געשוואָרען צו הַרְגְ׳ענען יַעֲקֹב׳ן, האָט זי אויסגעריכט יַעֲקֹב׳ן צו איהר ברודער לָבָן אין חָרָן.

האָט זיך יַעֲקֹב געלאָזט געהן אין וועג אַרײַן. אין עטליכע טעג אַרום איז ער אָנגעקומען צו אַ ברונעם אין מיטען פעלד. עס איז געווען אין מיטען טאָג. די זון האָט געברענט. בײַם ברונעם האָט ער געטראָפען דרײַ שעפער מיט הערטען שאָף הויערן.

פרעגט זײַ יַעֲקֹב: „פון וואַנען זײַט איהר, ברידער?"

ענטפערן זײַ: „פון חָרָן".

פרעגט ער זײַ: „קענט איהר ניט אײנעם בײַ אײַך לָבָן?"

ענטפערן זײַ: „יאָ, מיר קענען איהם. זײַן טאָכטער רָחֵל פיטערט זײַנע שאָף. זי וועט אַוַדאַי אויך באַלד אָנקומען צום ברונעם".

אַזוי ווי זײַ רעדען, קומט אָן אַ מײַדעל מיט איהר הערט. זאָגען די שעפער: „אָט קומט אָן רָחֵל מיט לָבָנ׳ס שאָף".

ווי יַעֲקֹב האָט זי דערזעהן, האָט ער דעם שטײַן פון ברונעם אַראָפּגעקײַקעלט און איהרע שעפסען אָנגעטרונקען. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו רָחֵל׳ען, געקושט זי און געזאָגט: „איך בין דײַן שוועסטערקינד יַעֲקֹב, דײַן מומע רִבְקָה׳ס אַ זוהן".

איז רָחֵל אַהײם געלאָפען און דערצעהלט איהר פאָטער

לָבָן, אַז די מומע רִבְקָה׳ס זוהן, יַעֲקֹב, איז געקומען.

איז לָבָן איהם אַנטקעגען געלאָפען, צוקושט זיך מיט איהם און איהם צו זיך אַהיים געבראַכט.

זאָגט לָבָן צו יַעֲקֹב׳ן: „ביסט דאָך מײַנער אַן אייגענער, ווּעסטו פערבלײַבען בײַ אונז אַ ביסעל צײַט".

ענטפערט יַעֲקֹב: „דײַן ברויט אומזיסט עסען וויל איך ניט. איך וויל בײַ דיר אַרבײַטען, איך וויל דײַנע שאָף פּאַשען".

זאָגט צו איהם לָבָן: „און וואָס ווּעסטו פערלאַנגען דערפאַר?"

און בײַ לָבָנ׳ען זײַנען געווען צוויי טעכטער: אײַנע, די אינגערע — רָחֵל, זעהר אַ שעֶנע; און די צווייטע, די עלטערע — לֵאָה, מיט זעהר מִיאוּס׳ע אויגען.

זאָגט יַעֲקֹב: „דײַן טאָכטער רָחֵל געפעלט מיר. איך וועל דיענען בײַ דיר זיבען יאָהר און גיב מיר זי פאַר אַ ווײַב".

זאָגט לָבָן: „גוט!"

האָט יַעֲקֹב אָפּגעדיענט בײַ לָבָנ׳ען פאַר רָחֵל׳ען זיבען יאָהר. נאָר ווען זײַ האָבען געדאַרפט חַתוּנָה האָבען, האָט לָבָן אויסגענאַרט יַעֲקֹב׳ן און איהם געגעבען לֵאָה׳ן אָנשטאָט רָחֵל׳ען.

האָט יַעֲקֹב געזאָגט צו לָבָנ׳ען: „פאַרוואָס האָסטו מיך אויסגענאַרט? איך האָב דאָך דיך פאַר דײַן טאָכטער רָחֵל געדיענט זיבען יאָהר!"

ענטפערט לָבָן: „יאָ, אָבער בײַ אונז פיהרט מען זיך ניט אַזוי. לֵאָה איז עלטער, דאַרף זי פריהער חַתוּנָה האָ-

בען. אַז דו ווילסט רָחל׳ען אויך, מוסטו זיך אָװעקשטעלען דיענען נייע זיבען יאָהר״.

האָט זיך יַעֲקֹב אַוועקגעשטעלט דיענען פאַר רָחל׳ען נייע זיבען יאָהר.

יַעֲקֹב אַנטלויפט פון לָבָנ׳ען.

לֵאָה האָט געבאָרען יַעֲקֹב׳ן זעקס זיהן: ראוּבֵן, שִׁמְעוֹן, לֵוִי, יהוּדָה, יִשָּׂכָר און זבוּלוּן, און איין טאָכטער — דִינָה. רָחֵל האָט געבאָרען איין זוהן — יוֹסֵף. און יַעֲקֹב האָט געהאַט נאָך צוויי ווייבער: בִּלְהָה און זִלְפָּה. האָבען זיי איהם געבאָרען צו צוויי זיהן: דָן און נַפְתָּלִי, גָד און אָשֵׁר.

ווען רָחל האָט געבאָרען יוֹסֵפ׳ן, האָט יַעֲקֹב געזאָגט צו לָבָנ׳ען: „לאָז מיך מיט מיין פאַמיליע געהן אַהיים צוריק צו מיין פאָטער און מוטער״.

האָט לָבָן געזאָגט: „איך בעט דיך, בלייב ביי מיר. איך ווייס, אַז צוליעב דיר בין איך אַזוי רייך געוואָרען. רעד דיר אוים אַ פּריין, וועלכען דו אַליין ווילסט, וועל איך דיר געבען״.

איז יַעֲקֹב פערבליבען ביי לָבָנ׳ען נאָך זעקס יאָהר און געפּיטערט זיינע שאָף. און לָבָן האָט געדאַרפט צאָהלען יַעֲקֹב׳ן פאַר דער אַרבייט מיט שעפּסען. האָט אָבער לָבָן צעהן מאָל געביטען זיין וואָרט און גענאַרט יַעֲקֹב׳ן.

איינמאל האט יַעֲקֹב דערהערט, ווי לָבָנ'ס זיהן זאָגען בייז: „אַלץ וואס יַעֲקֹב פערמאָגט איז דאָך פון אונזער פאָטערס". האט יַעֲקֹב גערופען אין פעלד צו זיך זיינע ווייבער און קינדער און געזאָגט צו זיי: „איהר ווייסט דאָך, ווי איך האָב שווער געהאָרעוועט אויף לָבָנ'ען, און ער האט מיך צעהן מאָל אָפּגענאַרט. און איצט זאָגען זיינע זיהן, אַז אַלץ, וואס איך פערמאָג, איז זייערס. קומט דערפאַר און מיר וועלען זיך אומקעהרען צוריק אין דאָס לאַנד פון מיינע עלטערן, אין כְּנַעַן".

האָבען געענטפערט רָחֵל און לֵאָה: „גוט".

האט יַעֲקֹב אַרויפגעזעצט זיינע קינדער און זיינע ווייבער אויף קעמלען, און ער האט מיטגענומען זיינע גאַנצע האָב און גוטס און איז אַנטלאָפען פון לָבָנ'ען.

אויפ'ן דריטען טאָג האט זיך לָבָן דערוואוסט, אַז יַעֲקֹב איז אַנטלאָפען. האט לָבָן נאָכגעיאָגט יַעֲקֹב'ן זיבען טעג און האט איהם דעריאָגט ביים באַרג גִלְעָד.

פרעגט לָבָן ביי יַעֲקֹב'ן: „פאַרוואס ביסטו אַנטלאָפען פון מיר און אַוועקגעפיהרט מיינע טעכטער, ווי קריגס-געפאַנגענע? פאַרוואס האסטו מיר ניט דערצעהלט, אַז דו ווילסט אַוועקגעהן פון מיר? איך וואלט דיך דאָך בעגלייט מיט פרייד און מיט געזאַנג".

האט יַעֲקֹב געזאָגט: „איך האָב מוֹרָא געהאַט, טאָמער וועסטו ביי מיר אָפּנעהמען דיינע טעכטער".

האט לָבָן געזאָגט: „דיינע ווייבער זיינען דאָך מיינע טעכ-

מער, און דיינע קינדער — מיינע אייניקלעך. וועל איך דען זיי טון שלעכטס? לאָמיר מאַכען אַ בונד צווישען אונז".

זיינען זיי גוט געוואָרען. לָבָן האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיך אַהיים און יַעֲקֹב איז געגאַנגען ווייטער זיין וועג צום לאַנד כְּנַעַן.

יַעֲקֹב בעגעגענט זיך מיט עֵשָׂו'ן.

יַעֲקֹב האָט נאָך אַלץ מוֹרָא געהאַט פאַר זיין ברודער עֵשָׂו'ן. האָט ער גענומען שעפסען און רינדער, און קעמלען און אייזלען און האָט געשיקט עֵשָׂו'ן אַ מַתָּנָה. און אַלע זיינע מענשען און זיינע ווייבער און קינדער האָט ער צוטיילט אויף צוויי מַחֲנוֹת. ער האָט געקלערט: וועט עֵשָׂו קומען און צושלאָגען איין מַחֲנֶה, וועט די צווייטע מַחֲנֶה קאָנען אַנטלויפען.

ביינאַכט איז יַעֲקֹב אַריבערגעגאַנגען דאָס טייכעל יַבּוֹק. און ווען ער האָט אַ קוק געטון, האָט ער דערזעהען פון דערווייטען — זיין ברודער עֵשָׂו קומט אָן און מיט איהם פיער הונדערט מאַן. איז יַעֲקֹב פאָרויסגעגאַנגען פאַר זיינע ווייבער און קינדער און האָט זיך געניגט פאַר עֵשָׂו'ן.

און עֵשָׂו איז געלאָפען אַנטקעגען יַעֲקֹב'ן, געפאַלען איהם אויפ'ן האַלז, און זיי האָבען זיך צוקושט.

פרעגט עֵשָׂו: „וועמעס זיינען די ווייבער און די קינדער?"
זאָגט יַעֲקֹב: „דאָס זיינען מיינע".

זײַנען צוגעגאַנגען די װײַבער און די קינדער און האָבען זיך געבײַגט פאַר עֵשָׂו׳ן.

פרעגט װײַטער עֵשָׂו: „און װעמעס איז די גאַנצע מַחֲנֶה שאָף און רינדער, אײזלען און קעמלען, װאָס איך האָב בעגעגענט?“

זאָגט יַעֲקֹב: „דאָס האָב איך געשיקט אַ מַתָּנָה פאַר דיר, מײַן ברודער עֵשָׂו!“

איז עֵשָׂו גוט געװאָרען מיט יַעֲקֹב׳ן. עֵשָׂו האָט זיך צוריקגעקעהרט אין דאָס לאַנד שֵׂעִיר, װאו ער האָט געװאוינט. און יַעֲקֹב איז געגאַנגען װײַטער אין לאַנד כְּנַעַן.

אויפ׳ן װעג האָט רָחֵל געבאָרען נאָך אַ זוהן, און יַעֲקֹב האָט איהם אַ נאָמען געגעבען בִּנְיָמִין. איז אָבער רָחֵל דערבײַ געשטאָרבען. האָט יַעֲקֹב זי מְקַבֵּר געװען אויפ׳ן װעג, װי מען געהט אין דער שטאָדט בֵּית־לֶחֶם. און ער האָט אַרויפגעשטעלט אַ מַצֵּבָה אויף איהר קֶבֶר. און נאָך ביז הײַנטיגען טאָג װײַזט מען אָן דעם קֶבֶר פון דער מוטער רָחֵל און די מַצֵּבָה, װאָס יַעֲקֹב אָבִינוּ האָט אויף איהר קֶבֶר געשטעלט.

גראַמאַטיק.

1

חושים.

§ 1 מיט די אויגען זעהען מיר; מיט די אויערן הערען מיר; מיט די פינגער טאַפּען מיר אָן; מיט'ן צונג און גומען פיהלען מיר אַ טַעַם; מיט'ן נאָז פיהלען מיר אַ רֵיחַ.

מיר האָבען אויף אַזאַ אופן פינף אויסערליכע געפיהלען: 1) דאָס געפיהל פון זעהען; 2) דאָס געפיהל פון הערען; 3) דאָס געפיהל פון אָנטאַפּען; 4) דאָס געפיהל פון טַעַם און 5) דאָס געפיהל פון רֵיחַ. די געפיהלען הייסען אַנדערש — חוּשִׁים; מען זאָגט: 1) דער חוּש פון זעהען; 2) דער חוּש פון הערען א. אַז. וו.

אַ טיש קאָנען מיר זעהען און אָנטאַפּען. די זון קאָנען מיר נאָר זעהען. אַ ליעד קאָנען מיר הערען. אַ שטיקעל צוקער קאָנען מיר זעהען, אָנטאַפּען און פיהלען פון איהם אַ טַעַם. פערפום קאָנען מיר זעהען און פיהלען דערפון אַ רֵיחַ.

איבונג 1:

ווייַזט אָן, ווי קאָנט איהר פערשטעהן אָדער מיט וועלכע חוּשִׁים בעגרייַפען:

אַ הויז, אַ מענש, אַ שטערן, אַן עפּעל, אַ נִיגוּן,

אַ בלום, אַן אַפּעלסין, אַ רעגען, אַ מעסער, טינט, יויך, קאַסטאָר־איֵיל, פּעפּער, אַ דונער, אַ פליג, אַ טומעל. עסיג, שאָקאָלאַד, טיי, אַ רעדע.

איבונג 2:

ווייזט אָן פינף זאַכען, וועלכע איהר קאָנט זעהען; פינף זאַכען, וועלכע איהר קאָנט הערען; פינף זאַכען, וועלכע איהר קאָנט אָנטאַפּען; פינף זאַכען, פון וועלכע איהר קאָנט פיהלען אַ טַעַם; פינף זאַכען, פון וועלכע איהר קאָנט פיהלען אַ רֵיחַ.

געגענשטאַנד.

§ 2 אַלץ, וואָס מיר קאָנען זעהען, הערען אָדער אָנטאַפּען, אָדער פון וואָס מיר קאָנען פיהלען אַ טַעַם אָדער אַ רֵיחַ — הייסט געגענשטאַנד.

אַ טיש, די זון, אַ פויגעל, אַ ליעד, אַ בלום זיינען געגענשטאַנדען.

רופט אָן נאָך געגענשטאַנדען.

2

הויפּטווערטער.

§ 3 אַ וואָרט, וואָס איז אַ נאָמען פון אַ געגענשטאַנד, הייסט הויפּטוואָרט. אַזוי זיינען הויפּטווערטער: דער טיש, די וואַנט, דאָס פענסטער.

געשלעכט.

§ 4 צו אײניגע הויפּטווערטער קאָן מען צוגעבען דאָס וואָרט "דער", למשל: דער פאָטער, דער ברודער, דער אָקס, דער פינגער. אַזױנע הויפּטווערטער הײסען מענליכע, אָדער פון מענליכען געשלעכט.

צו אַנדערע הויפּטווערטער קאָן מען צוגעבען דאָס וואָרט "די", למשל: די מוטער, די שוועסטער, די קוה, די האַנט, די שטאָדט. אַזױנע הויפּטווערטער הײסען ווײבליכע, אָדער פון ווײבליכען געשלעכט.

צו אַנדערע הויפּטווערטער ווידער קאָן מען צוגעבען דאָס וואָרט, "דאָס", למשל: דאָס קינד, דאָס וואָרט, דאָס פענסטער.

אַזױנע הויפּטווערטער הײסען זאַכליכע אָדער פון זאַכליכען געשלעכט.

איבונג 3:

פון די פאָלגענדע ווערטער שטרײכט אונטער די מענליכע—מיט אײן פּאַסיקעל, די ווײבליכע—מיט צוויי און די זאַכליכע — מיט דרײ:

דער אַלמער, דער פעטער, דאָס הויז, די שוועסטער, די שיסעל, דער זײדע, דער האָהן, די הוהן, דאָס בוך, דאָס פּאַפּיער, דער טינטער, דער הונט, די ציג, דאָס קינד, דער קאָפּ, די האַנט, דער אַרבעל, דער שוך.

איבונג 4:

צו יעדען פון די פאָלגענדע הויפּטווערטער שטעלט צו דאָס פּאַסענדע וואָרט: "דער", "די" אָדער "דאָס":

פּאָטער, קאַץ, מוטער, בעט, מויל, ברודער, אײזעל, טיש,

וואָגען, שטוב, שפיגעל, הונט, האָהן, הוהן, מענש, פרוי, שטול, ווייב, פעדער, טיר, שוועסטער, שול, וואַנט, פוס, האַנט, טייך, זון, האַמער, פענסטער, זוהן.

איינצאָהל און מעהרצאָהל.

§ 5 מען זאָגט: איין טיש, אָבער: צוויי טישען, אַ סך טישען. איין בוך, אָבער: צוויי ביכער, אַ סך ביכער.

ווען מען רעדט וועגען איין געגענשטאַנד, הייסט דאָס איינצאָהל, ווען מען רעדט וועגען צוויי אָדער מעהר גע־גענשטאַנדען — הייסט דאָס מעהרצאָהל. אַ טיש, אַ בוך איז איינצאָהל: טישען, ביכער — מעהרצאָהל.

§ 6 מען זאָגט אין איינצאָהל: דער טיש, די וואַנט, דאָס בוך; און אין מעהרצאָהל זאָגט מען: די טישען, די ווענט, די ביכער. די ווערטער: דער, די, דאָס געהען אין מעהרצאָהל איבער אַלע גלייך אין „די".

איבונג 5:

פון די פאָלגענדע ווערטער שטרייכט אונטער די, וואָס אין איינצאָהל, מיט איין פּאַסיקעל, און די, וואָס אין מעהר־צאָהל — מיט צוויי:

דער ברודער, דאָס לאַנד, די געשיכטע, די יאָהרען, די גלעזער, דער דאַך, די הייזער, די פינגער, די מענשען, דער זומער, די נאַכט, די נעכט, די שטעדט, די שטאָדט, די ווענט, דאָס מויל, דער אויווען, די שוועס־טער, די פלאַש, די פּיס.

§ 7 אין מעהרצאָהל בעקומען די הויפּטווערטער פערשיעדענע ענדונגען:

די ענדונג ען: צ. ב. דער טיש — די טישען; דער אָוועט — די אָוועטען.

איבונג 6:

אויף דעם זעלבען אופן בילדעט אויס די מעהרצאָהל אויך פון די פאָלגענדע הויפּטווערטער:

דער מענש, דער שטול, די בלום, די וואָך, די שול, די באַק, די בעט, די צייטונג, די פרוי, דער טייך, דער איד, דער בער, דאָס אויג, דער טיש, דער ווינט.

§ 8 די ענדונג ער: צ. ב. דער וואַלד — די וועלדער; דאָס פאָלק — די פעלקער; דאָס בוך — די ביכער; דאָס הויז — די הייזער. ווי איהר זעהט, בייט זיך דערביי אום דער זעלבסטקלינגער פון וואָרט: פון „אַ" (אין וואַלד) און „אָ" (אין פאָלק) אויף „ע" (אין וועלדער און פעלקער); פון „ו" (אין בוך) אויף „י" (אין ביכער) און פון „וי" (אין הויז) אויף „יי" (אין הייזער).

איבונג 7:

אויף דעם זעלבען אופן בילדעט אויס די מעהרצאָהל אויך פון די פאָלגענדע הויפּטווערטער:

דער אָרט, דער גאָרטען, דער האָהן, דער פּלאַץ, דער בויך, די נאָז, דאָס האַרץ, דאָס וואָרט, דאָס מויל, דאָס קלייד, דער לייב, דאָס קינד, דער שטיין.

§ 9 די ענדונג ס: צ. ב. די מאַמע — די מאַמעס, דער האַמער — די האַמערס.

איבונג 8:

אויף דעם זעלבען אופן בילדעט אוים די מעהרצאָהל אויך פון די פאָלגענדע הויפּטוואָרטער:

די לעהרערין, דער פאָטער, דער זיידע, די באָבע, די מומע, דער פעטער, דער אָדלער, די מוטער.

§ 10 די ענדונג עך: צ. ב. דאָס פיסעלע — די פיסעלעך; דאָס שיכעלע — די שיכעלעך; דאָס מיילעלע — די מיילעלעך.

איבונג 9:

אויף דעם זעלבען אופן בילדעט אוים די מעהרצאָהל אויך פון די פאָלגענדע הויפּטוואָרטער:

דאָס הענטעלע, דאָס אייגעלע, דאָס נעסטעלע, דאָס קעפּעלע, דאָס העלזעלע, דאָס שטעקעלע.

§ 11 גאָר אָהן אַן ענדונג: צ. ב. דער לעפעל — די לעפעל; דער מעסער — די מעסער.

איבונג 10:

אויף דעם זעלבען אופן בילדעט אוים די מעהרצאָהל אויך פון די פאָלגענדע הויפּטוואָרטער:

דער שניידער, דער שרייבער, די שוועסטער, דער פינגער, דאָס פענסטער, דער בייגעל, די ציגעל.

§ 12 גאָר אָהן אַן ענדונג, נאָר עס בייט זיך דער בייוואָרט אום דער זעלבסטקלינגער פון וואָרט: צ. ב. דער באַרג — די בערג; דער טאָג — די טעג; דער שוך — די שיך; די מויז — די מ...

איבונג 11:

אויף דעם זעלבען אופן בילדעט אוים די מעהרצ... אויך פון די פאָלגענדע הויפּטוואָרטער:

דער גאַסט, די האַק, די וואַנט, די האַנט, די גאַנז,

דער טאָפּ, די טאָכטער, די נאַכט, די שטאָדט, דער זוהן, די קוה, דער הונט, דער טאָג, דער פוס.

§ 13 אין אײנצאָהל זאָגט מען: אַ לעהרער, אַ טיש, אַן איי, אַ בוך; און אין מעהרצאָהל זאָגט מען: לעהרער, טישען, אייער, ביכער. ווי איהר זעהט, ווען מען בענוצט אין אײנצאָהל די ווערטער אַ אָדער אַן, ווארפט מען אָפּ אין מעהרצאָהל די דאָזיגע אַ אָדער אַן.

איבונג 12:

בילדעט אוים די מעהרצאָהל פון די פאָלגענדע הויפּט־ווערטער:

אַ טאָג, אַ נאַכט, אַ וואָך, אַ פערד, אַ הונט, אַ קאַץ, אַ בוים, אַ בלאַט.

3

אַרטיקעל.

§ 14 די ווערטער: דער, די, דאָס — הייסען דער בעשטימטער אַרטיקעל; די ווערטער אַ, אַן — הייסען דער אונבעשטימטער אַרטיקעל. אַן — שרייבט מען פאַר א און ע, למשל: אַן איי, אַן אַלמער, אַן עפּעל, אַן עמער. אַ — שרייבט מען פאַר די איבעריגע אותיות.

איבונג 13:

פאַר די פאָלגענדע געגענשטאַנדען שטעלט צו דאָס וואָרט אַ אָדער אַן, ווי עס פּאַסט:

בלאַט, אויג, אויער, צאָהן, האַלז, עגבער, גראָז,

עקסעלע, קאָפּ, אָרט, אײַזענבאַהן, האָר, יאָהר, אָרימאַן, אײזעל, אָקס, קלײד.

4

אײגענשאַפטווערטער.

§ 15 יעדעס וואָרט, וואָס בעווײַזט, אַ וואָסערער איז דער געגענשטאַנד, הײסט אײגענשאַפטוואָרט: צ. ב., „דאָס קינד איז גוט". גוט בעווײַזט אַ וואָסער איז דאָס קינד. „דאָס גוטע קינד איז אין קלאַס", דאָס גוטע בע־ווײַזט, וואָסער קינד איז אין קלאַס. דאָס וואָרט גוט, איז אַן אײגענשאַפטוואָרט.

§ 16 מען זאָגט: אַ גוט־ער מאַן, אַ גוט־ע פרוי, אַ גוט קינד; גוט־ע מענער, גוט־ע פרויען, גוט־ע קינדער. דאָס זעלבע אויך: אַ שענ־ער צימער, אַ שענ־ע שטוב, אַ שען הויז; שענ־ע צימערן, שענ־ע שטיבער, שענ־ע הײַזער.

איבונג 14:

בעמערקט די ענדונגען, װעלכע דאָס אײגענשאַפט־וואָרט בעקומט פאַר פערשיעדענע געשלעכטען, ווען עס ווערט בענוצט מיט׳ן אונבעשטימטען אַרטיקעל, און שטעלט צו אין די פאָלגענדע אויסדרוקען די ריכטיגע ענדונג בײַ די אײגענשאַפטווערטער:

אַ רײַכ— מאַן; אַ זילבערנ— לעפעל; אַ לײַהמענ— כּלי; אַ טיעפ— גרוב; אַ הויכ— מויער; זיס— פלוימען; אַ ליעב— קינד; רײנ— העמט; אַ ווײס— פּאַפּיער; אַ קלײנ—

פייגעלע; אַ גרויס— בער; בייז— הינט; אַ פלייסיג— שי־
לער; אַ קליינ— מיילעלע; גרויס— מענשען.

§ 17 מען זאָגט: **דער גוט-ער פאָטער, די גוט-ע מו־
טער, דאָס גוט-ע קינד; די גוט-ע פאָטערס, די גוט-ע מו־
טערס, די גוט-ע קינדער. דאָס זעלבע אויך: דער ווייס-ער
קראַגען, די ווייס-ע ליילעך, דאָס ווייס-ע קלייד; די ווייס-ע
קראַגענס, די ווייס-ע ליילעכער, די ווייס-ע קליידער.**

איבונג 15:

בעמערקט די ענדונגען, וועלכע דאָס אייגענשאַפטוואָרט
בעקומט פאַר פערשיעדענע געשלעכטען, ווען עס ווערט בע־
נוצט מיט'ן בעשטימטען אַרטיקעל, און שטעלט צו אין די
פאָלגענדע אויסדרוקען די ריכטיגע ענדונג ביי די אייגענ־
שאַפטווערטער:

דער זויער— עפעל; די שמעקעדיג— בלום; דאָס גרינ—
גראָז; די ביטער— טראָפּענס; דאָס גלאַט— פּאַפּיער; דער
שאַרף— מעסער; דאָס שענ— בוך; די קאַרג— אַלטינקע;
די זילבערנ— גאָפּלען; דאָס גרויס— לאַנד; די בלוי— הימ־
לען; די פינקלענד— שטערען.

5

ציי טווערטער.

צייט, פערזאָן, צאָהל.

§ 18 **דאָס קינד עסט; דאָס קינד לייענט; דאָס קינד**
שרייבט. עסט, לייענט, שרייבט בעווייזט, וואָס דאָס
קינד טוט. יעדעס וואָרט, וואָס בעווייזט, וואָס אַ געגענ־

שטאַנד טוט, הייסט צײַטוואָרט. עסט, לייענט, שרײַבט — זײַנען צײַטווערטער.

§ 19 די צײַטווערטער קאָנען בעווײַזען די צײַט, ווען די טוּאונג קומט פאָר. צ. ב. איך שרײַב — מײַנט: איך שרייב איצט, דאָס איז די איצטיגע צײַט; איך האָב געשריבען — מײַנט: איך האָב געשריבען פריהער, דאָס איז די פריהערדיגע אָדער פערגאַנגענע צײַט; איך וועל שרײַבען — מײַנט: איך וועל שרייבען שפּעטער. דאס איז די שפּעטערדיגע אָדער די קומענדיגע צײַט.

איבונג 16:

ווײַזט אָן די צײַט פון די פאָלגענדע צײַטווערטער:

ער קומט; דו וועסט עסען; איך האָב געשפּיעלט; מיר געהען; זיי האָבען געלייענט; איהר וועט שרײַבען; זי וועט זאָגען; מיר האָבען געמאָלט; ער האָט געשניטען; איך וועל זײַן.

§ 20 די צײַטווערטער בײַטען אום זייער ענדונג לויט דער פּערזאָן, וועלכע טוט, און לויט דער צאָהל פּערזאָנען, וועלכע טוען. עס זײַנען פאַרהאַן דריי פּערזאָנען: די ערשטע — איך, די צווייטע — דו, די דריטע — ער, זי, עס. עס זײַנען פאַרהאַן צוויי צאָהלען: איינצאָהל און מעהרצאָהל. די מעהרצאָהל פון די פּערזאָנען זײַנען: די ערשטע — מיר, די צווייטע — איהר, די דריטע — זיי.

איבונג 17:

ווײַזט אָן די פּערזאָן און די צאָהל פון די פאָלגענדע צײַטווערטער:

דו טוסט; זיי וועלען געבען; ער פרעגט; מיר בעטען;

זי האָט דערצעהלט; איהר רעדט; עס שווייגט; זיי לער־גען; זי האָט געזוכט; איך פערשטעה; מיר וועלען קומען.

די איצטיגע צייט.

§ 21 די איצטיגע צייט בילדעט זיך אום אַזוי: צ. ב. פון דעם צייטוואָרט לערנען:

איינצאָהל:	מעהרצאָהל:
1) איך לערן,	1) מיר לערנ-ען,
2) דו לערנ-סט,	2) איהר לערנ-ט,
3) ער, זי, עס לערנ-ט.	3) זיי לערנ-ען.

איבונג 18:

בילדעט אום די איצטיגע צייט פון די פאָלגענדע צייט־ווערטער:

שרייען, געהן, לויפען, שרייבען, זאָגען, קויפען, לויבען, שלאָגען, באָרגען, נייהען, ווערען.

§ 22 דאָס צייטוואָרט זיין בילדעט אום די איצטיגע צייט אַזוי:

איינצאָהל:	מעהרצאָהל:
1) איך בין,	1) מיר זיינען,
2) דו ביסט,	2) איהר זייט,
3) ער, זי, עס איז.	3) זיי זיינען.

§ 23 דאָס צײַטוואָרט האָבען בילדעט אוים די איצטיגע צײַט אַזוי:

מעהרצאָהל:	איינצאָהל:
1) מיר האָבען,	1) איך האָב,
2) איהר האָט,	2) דו האָסט,
3) זײַ האָבען.	3) ער, זי, עס האָט.

די פערגאַנגענע צײַט.

§ 24 די פערגאַנגענע צײַט פון די צײַטווערטער בילדעט זיך אוים אַזוי: צ. ב. פון דעם צײַטוואָרט לערנען:

מעהרצאָהל:	איינצאָהל:
1) מיר האָבען געלערנט,	1) איך האָב געלערנט,
2) איהר האָט געלערנט.	2) דו האָסט געלערנט,
3) זײַ האָבען געלערנט.	3) ער, זי, עס האָט געלערנט.

ווי איהר זעהט, בילדעט זיך אוים די פערגאַנגענע צײַט מיט דער הילף פון דער איצטיגער צײַט פון דעם צײַטוואָרט האָבען.

איבונג 19:

בילדעט אוים די פערגאַנגענע צײַט פון די פאָלגענדע צײַטווערטער:

קויפען, לויבען, האָבען, שרײַבען, מאָלען, זינגען, עסען, זעהען, נייהען, בויען, בײַסען, שרײַען.

§ 25 אײַניגע צײַטװערטער בילדען אױס די פערגאַנגענע צײַט מיט דער הילף פון דער איצטיגער צײַט פון דעם צײַטװאָרט זײַן, צ. ב.:

מעהרצאָהל:	אײַנצאָהל:
1) מיר זײַנען געלאָפען,	1) איך בין געלאָפען,
2) איהר זײַט געלאָפען,	2) דו ביסט געלאָפען,
3) זײַ זײַנען געלאָפען.	3) ער, זי, עס איז געלאָפען.

איבונג 20:

בילדעט אױס די פערגאַנגענע צײַט פון די פאָלגענדע צײַטװערטער:

געהן, שטעהן, פאָהרען, לױפען, קריכען, זיצען, שלאָפען, ליעגען, זײַן, װערען, קומען.

די קומענדיגע צײַט.

§ 26 די קומענדיגע צײַט פון די צײַטװערטער בילדעט זיך אױס אַזױ: צ. ב. פון דעם װאָרט לערנען:

מעהרצאָהל:	אײַנצאָהל:
1) מיר װעלען לערנען,	1) איך װעל לערנען,
2) איהר װעט לערנען,	2) דו װעסט לערנען,
3) זײַ װעלען לערנען.	3) ער װעט לערנען.

איבונג 21:

בילדעט אויס די קומענדיגע צייט פון די פאָלגענדע צייטווערטער:

קומען, פאָהרען, זיין, האָבען, לויפען, לויבען, קויפען, שרייבען, לעזען, שווימען, בויען, שניידען, נייהען, זינגען.

די בעפעהלענדע פאָרם.

§ 27 ווען מען הייסט, מען בעפעהלט וועמען עס איז, בעקומט מען די בעפעהלענדע פאָרם. צ. ב.: חיים, ברינג קרייד! לילי, לעז! קינדער, שרייט ניט!

די בעפעהלענדע פאָרם פון די צייטווערטער בילדעט זיך אויס אַזוי: צ. ב. פון דעם וואָרט לערנען:

איינצאָהל:	מעהרצאָהל:
לערן!	לערנט!

איבונג 22:

בילדעט אויס די בעפעהלענדע פאָרם פון די פאָלגענדע צייטווערטער:

לעזען, קומען, שניידען, געבען, לייהען, שניצען, זעהען, הערען, מאָלען, רעדען, שווייגען.